זיבעצנטער יאָהרגאַנג
№ 45

„CZENSTUCHOWER GAJTUNG". — פּרייז 20 גראָשען.

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 11 listopada 1938 — ליכט-צינדען 3.34 — פרייטאג ו̇ירא פ׳ י״ז מרחשון תרצ״ט

Biblj. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

פּליטים - הילפס - קאָמיטעט אין וויעלון.

מאָרגען, שבת, דעם 12 ד. ח. 9 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר אין זאַל „מכבי"

אַ גרויסע טאַנץ־ פערוויילונג

לטובת דעם הילפס-פאָנד פאַר די יודישע פּליטים פון דייטשלאַנד

וויעלונער פרויען! שפּענדעט פאַר׳ן בופעט פון דער טאַנץ-פערוויילונג לטובת דעם הילפס פאָנד פאַר די יודישע פּליטים פון דייטשלאַנד.

ערקלערונג.

דערמיט ערקלער איך, אַז דער סכסוך צווישען מיר און ה׳ יצחק ריכטער איז אויף אַ פרידליכען אופן ערלעדיגט געוואָרען און מיט דעם איז דער ענין געענדיגט.

אבא פּיליכאָווסקי

די משפּחה פון פערשטאָרבענעם ליבוש חעל לעאָן גראָסמאַן, וואַרשאַווער 33, ווערט געבעטען צו מעלדען זיך במשך אַ חודש אין לאָקאַל פון ראַבינאַט, אַלעע 10.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאַכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואָס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר

פערביליגערט די פּרייזען:
אַ קאָלנער מיט אַ הערליכען גלאַנץ 10 גר.
אַ העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.

ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

KINO „EDEN".

ניי̇ער פּוילישער פילם!

לויט דער מייסטערהאַפטער ראָמאַנטישער ערצעהלונג פון

מאַריאַ ראָדזיעוויטשובנאַ

FLORIAN

אין די הויפּט-ראָלען:
סט. אנגעל - ענגלובנאַ, העלענאַ גראָסובנאַ, יונאָשאַ-סטעמפּאָווסקי, ווענגזשין א. א.

בילעטען פון 80 גראָשען.

Henia Fiszlerówna	Jakób Langner
Brzesko	Częstochowa

zaręczeni w listopadzie 1938

פיעל גליק און אַ בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר דעם ה׳ יאַקוב לאַנגנער מיט פרל. העניע פישלער צו זייער פערלאָבונג

פאַמיליע לאַגרזיצקי און ערליך.

צו דער תנאים פון אונזער ברודער און שוואָגער יאַקוב לאַנגנער מיט פרל. העניע פישלער אַ האַרציגען מזל טוב און אַ בליהענדע צוקונפט

ווינשען: פאַמיליע פעלדמאַן, פאַמיליע יוזעפאָוויטש.

Naszemu przyjacielowi JAKUBOWI LANGNEROWI z p. HENIĄ FISCHLERÓWNĄ życzymy wiele szczęścia

Chaim Trembacki z Żoną

Z intencji zaręczyn naszego kuzyna JAKUBA LANGNERA z panną HENIĄ FISCHLERÓWNĄ życzą dużo szczęścia i promiennej przyszłości

Rodzina Choroń, Bracia Misko

ברכת חמה ולבביות ומז״ט לרגלי נשואיו של חברינו שמשון נ״י שטיינהארט עם בח״ל צלקה תחי׳

יזרח דרכם כשמש בצהרים ויהי׳ סוגה בשושנים בשם מלכות ישראל

משה זעלקאָוויטש ורעיתו, יוסף טאָביאַש ורעיתו.

את ברכתי ברכת מזל טוב חמה אני מביע

לידידי מר שמשון שטינהרט ולמרת צלה שאיא לנשואיהם

יזכו לבנות ביתם ברוב אושר ועושר בארצנו המשוחררת.

חיים ארי׳ יונגסטר.

W sobotę, dn. 12-go listopada r. b.

odbędzie się w gmachu gimnazjum przy ul. Jasnogórskiej № 8—10

WIECZóR TOWARZYSKI

urządzony staraniem Komitetu Rodzicielskiego.

Całkowity dochód przeznaczony zostanie dla Komitetu Budowy Gmachu dla Społecznych Szkół Żydowskich w Częstochowie.

Dla uczczenia XX-lecia Niepodległości

urządza Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych w Częstochowie w niedzielę dn. 13 listopada o godz. 5.30 pp.

UROCZYSTĄ AKADEMIĘ

dla wszystkich rodziców, dla przyjaciół gimnazjum i przedstawicieli społeczeństwa żydowskiego w gmachu szkolnym przy ulicy Jasnogórskiej 8—10. Wstęp bezpłatny

---

WORLD-RADIO

świat w domu...

Doskonałą służbę informacyjną o każdej porze pełni niezawodnie **odbiornik wartościowy** nabyty we firmie **fachowej.**

Prowadzimy wyłącznie opbiorniki uznane powszechnie jako **przodujące.**

Autoryzowana sprzedaż wyrobów firm:

Elektrit
Telefunken
Capello
Korona
Hornyphon

Warunki dogodne.

WORLD-RADIO
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער לייבל ריימאַן מיט פרל. סאַלאַ ליסעק וואס איז פאָרגעקומען אין מעלבורן (אויסטראַליע)

ווינשען מיר מזל-טוב און צו זעהען ביי אייך אַ סך נחת

מוטער און שוועסטער צעשקאַ

אונזער ברודער און שוואָגער לייבל ריימאַן צו זיין תנאים מיט פרל. סאַלאַ ליסעק

ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

שוועסטער און שוואָגער ניימאַן

צו דער פערלאָבונג פון אונזער טרייען חבר לייבל ריימאַן מיט פרל סאַלאַ ליסעק

ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט

יצחק קלין און פרוי, מענדל וואָלקאָוויטש און פרוי מעלאַ און העניעק.

פיעל גליק און ברכה אונזער חבר לייבל ריימאַן צו זיין תנאים מיט פרל. סאַלאַ ליסעק

א״יה שיינערט, מאיר שטיינבערג, זלמן ווילינגער, לייביש באַרקאָווסקי, ש. גרוצא און פאַמיליע.

צו דער חתונה פון ה׳ חיים לעווקאָוויטש מיט פרל. געניאַ שטערנבערג

ווינשען אַ הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליך צוזאמענלעבען

די גבאים און מתפללים פון דער שטאָדט-שוהל.

Kuzynostwu Jakóbowi Szternbergowi z Żoną z intencji zaślubin córki Geni z p Chaimem Lewkowiczem życzą wiele pociechy, a nowożeńcom—szczęśliwego współżycia

L. Najman z Rodziną

נ״ע

אסתר רייזיל נייער

פון דערהיים צגוזשל

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 71 י.

די לויה איז פאָרגעקומען פרייטאָג, דעם 4 ליסטאָפּאַד ד. י. (י׳ מרחשון תרצ״ח).

וועגען וואס עס איז מודיע די אין טרויער פערבליבענע

פאַמיליע.

צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער פריינד

אייזיק ליכטער נ״ע

אין ביעלסק

דריקען מיר אויס דער פער׳יתומ׳טער פרוי און קינדער אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל און ביילייד

ב. באָטשאַן און פרוי.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער פאַמיליע ליכטער צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער מאַן און פאָטער

אייזיק נ״ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

געברידער לוקסענבערג, ביעלסק.

ערשיטערט פונ׳ם טויט פון מיין בעסטען פריינד

אייזיק ליכטער נ״ע

דריק איך אויס דער פער׳יתומ׳טער פאַמיליע מיין טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יוזעף קאַץ ביעלסק.

מיר נעמען אנטייל אין גרויסען צער פון דער פאַמיליע ליכטער צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטען מאַן און פאָטער

אייזיק נ״ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

געברידער זעלווער, ביעלסק.

20 יאָהר — 11 ליסטאָפאַד.

היינט ווערט 20 יאהר, זינט דאס פערשקלאַפּטע פוילען אונטער די פערשידענע אָקופּאַנטען, האט צוריסען די קייטען און געוואָרען זעלבסטשטענדיג.

היינט איז פוילען א גרויס מעכטיג לאַנד און פערנעמט א בכבוד'יג אָרט צווישען די גרויסע מלוכות אין אייראָפּא.

זאָל מען אין צוואַנציגסטען יאהר-טאג פון פוילענס בעפרייאונג נישט פערגעסען די מחנה העלדען און קעמפער, וועלכע האבען זייער לעבען מקריב געווען פאַר פוילענס זעלבסטשטענדיגקייט; זאָל אויך דערמאַנט ווערען, אז א גרויסע טייל פון פוילענ'ס זיהן, וועלכע שרייען היינט וועגען עקסטען פּאַטריאָטיזם, אז אָט די יעניגע זענען דאַמאָלס געווען גלייכגילטיג צו פוילענ'ס זעלבסטשטענדיגקייט און נאָך אין א געוויסער מאָס, געווען נעטריי די אָקופּאַנטען.

דאס דאָזיגע מוז אומבעדינגט דערמאנט ווערען אין טאג, ווען דאס גאַנצע פוילישע פאָלק פייערט דעם צוואַנציגסטען יאהר-טאג פון פוילענ'ס תחית-המתים. עס מוז דערמאנט ווערען דערפאַר, כדי עס זאָל נישט פערלוירען געהן פאַר דער געשיכטע פון נייעם פוילען.

אויך מיר, פוילישע יודען, האבען א גרויסען חלק אין דער בעפרייאונג פון פוילען. גרויסע מחנות פון דער יודישער יוגענד האבען זיך געשטעלט צוזאַמען מיט'ן פוילישען ארבייטענדען מענשען און געקעמפט געגען די צאַרישע אָקופּאַנטען פאַר א פריי פוילען.

צווישען די גרויסע העלדען, וועלכע האבען זייער לעבען מקריב געווען פאַר אַ זעלבסטשטענדיג פוילען געפינט זיך אויך א גרויסע צאָהל יודען. ס'איז אָבער אויך פערהאנען נאָך א גרעסערע צאָהל די אזוי גערופענע אונבעקאַנטע זעלנער, וועמענס נעמען ס'זענען נישט בעוואוסט.

20 יאָהר איז פוילען פריי פון די אָקופּאַנטען און פיהרט א זעלבסטשטענדיגען מלוכה אַפּאַראַט. אין משך פון דער צייט האט פוילען אָבגעהאַלטען גרויסע נצחונות אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען פאָרום, אזוי, אז פוילען איז איינע פון די גרויסמאַכטען אין אייראָפּא.

אין משך פון די 20 יאָהר האט פוילען איבערגעלעבט פערשידענע רעושימען, ביז עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער רעזשים פון דער מאַי-איבערקעהרעניש אין 26-טען יאהר דורך פוילענס גרעסטען זוהן, דעם פערשטאַרבענעם ערשטען פוילישען מארשאל יוזעף פּילסודסקי.

די לעצטע יאהרען, איז פאַר אונז יודען דער הימעל א ביסעל פערוואָלקנט, דאס איז אפשר א דאנק די ווינטען, וועלכע בלאָזען פון מערב-שכן. זאָל מען אָבער האבען דעם בטחון, אז סוף כל סוף וועלען מיר אין פוילען, אין לאַנד, וואו מיר לעבען העכער טויזענד יאהר, וואו מיר האָבען אונזער בלוט פערגאָסען פאַר איהר אויסלייזען, אויך בעהאַנדעלט ווערען ווי גלייכע מיט גלייכע.

מיר קאָנען די פוילישע נשמה, וועלכע איז בטבע גוט און איידעל און דאס גיט די גאראַנטיע, אז זי וועט נישט אָבנאַרען.

צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פוילישען פאָלק, מיט איהרע בעסטע און איידעלסטע זיהן, פייערן מיר דעם 20-טען יאהר-טאג פון פוילענ'ס בעפרייאונג און ווינשען דער פוילישער מלוכה ווייטערע גרויסע נצחונות אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען פאָרום, ווי אויך א גוטען וואוילשטאַנד און אינערליכען לעבען פון דער מלוכה גופא.

פוילענ'ס גרויסקייט, פוילענ'ס מעכטיגקייט איז אונזער הייסטער בעגעהר און וואונש. און נישט ווי זייטיגע צושויער, נאָר ווי אַקטיווע, אַקטעל ביי אַקסעל, העלפען מיר צו צו א גרויס, שטאַרק, מעכטיג פריי פוילען.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וועלט.

— אַלס נייער רעקטאָר פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט איז, אויפ'ן אָרט פון אָבטרעטענדען פּראָפ. דר. בערגמאַן, געוועהלט געוואָרען פּראָפ. פרענקעל, א בערוהמטער מאַטעמאַטיקער פון דייטשלאַנד.

— עס זענען צוגעקומען פרישע קדושים אין א"י. געבען הערצליה איז שווער פערוואונדעט געוואָרען און שפּעטער פון די וואונדען געשטאָרבען דער 20-יעהריגער שאָפער צבי מאַניעוויצקי. ביי דעם צפון-גרעניץ פון א"י איז אומגעקומען פון אראבישע הענד דער 27-יעהריגער בנימין בערמאַן פון דער קאָלאָניע שבי ציון.

— אין תל-יצחק איז דער'הרג'עט געוואָרען דורך אַראַבישע טעראָריסטען די חלוצה הדסה ראזוואלד פון לעמבערג.

— אין דער עכו'ער תפיסה איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק פון די יודישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, וועלכע האָבען פערלאַנגט, אז מען זאָל זיי איבערפיהרען אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער א'ן א יודישער געגענד. נאָך 40 שעה שטרייקען האבען די אַרעסטירטע, אויף דער ווענדונג פון הרב עמיאל פון תל-אביב, איבערגעריסען דעם שטרייק.

— אין א"י איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ פעסטער-צוואַנג פאַר מאַנסלייט.

— אינ'ם 21-טען יאהרטאג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע איז אין ניו-יאָרק פאָרגעקומען אַ ריזיגע א"י מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט בירגערמייסטער לאַגוואַרדיא, פּראָפ. איינשטיין, דר. סטיפען ווייז א. א. פערזענליכקייטען.

— אויפ'ן אָרט פון ערמאָרדעטען בירגערמייסטער פון טבריה איז בעשטימט געוואָרען דער ראַטסמאַן פון טבריה'ער שטאָדט ראָט, אדוו. שמעון דאַחאַן.

— אויפ'ן סמך פון דער דייטש-איטאַליענישער ארביטראַזש-בעשטימונג האט אונגאַרן בעקומען א שטח פון 12.400 קוואַדראַט-קילאָמעטער מיט 8 שטעדט און א בעפעלקערונג פון העכער א מיליאָן נפשות.

— עס זענען שוין ענדגילטיג פעסטגעשטעלט געוואָרען די גרעניצען צווישען פוילען און טשעכאסלאוואקיי. פוילען האט פערגרעסערט דעם שטח פון דער מלוכה מיט 1650 קוואַדראַט-קילאָמעטער.

— אין רעזולטאט פון די וואהלען זענען אריין אין סיים פאָלגענדע 5 יודישע דעפּוטאַטען: אדוו. שמעון זיידעמאַן און יעקב טראַקטענהיים פון ווארשא, לייב מינצבערג פון לאָדז, דר. עמיל זאָמערשטיין פון לעמבערג און דר. יצחק שווארצבארד פון קראָקע.

— אין פאַריז איז אויסגעפיהרט געוואָרען א רעוואָלווער אַטענטאַט אויפ'ן סעקרעטאָר פון דער דאָרטיגער דייטשער אַמבאַסאַדע. דער סעקרעטאָר פאָם ראַט איז פערוואונדעט געוואָרען. דער אָנפאַלער א נצוויסער הערשל גרינשפּאַן איז פערהאַלטען געוואָרען. פאָם ראַט איז פון די וואונדען געשטאָרבען.

— דער רעקטאָר פון ווארשאַווער אוניווערזיטעט האט געשלאָסען די הויכשול פון 9 ביז'ן 11 ד. ח. די סיבה דערפון איז דער שטרייק פון די ענדעקישע סטודענטען געגען דער נרינדונג פון א מעדיצינישען פאַקולטעט אין לאָדז. מען שמועסט, אַז די שליסונג האַט אויך א שייכות מיט דער יאהרצייט נאָכ'ן פוילישען סטודענט וואַצלאַווסקי.

— במשך פון די לעצטע טעג דוירען אין ארץ ישראל אונגעוועהנליכע שלאַקס רעגענס, וואס האבען פעראורזאַכט שאָדענס אין מעהרערע ערטער פון לאַנד און פערפלייצונגען אין ירושלים, תל-אביב און אין דער אַלטשטאָדט פון חיפה.

— צווישען די מיטגלידער פון ענגלישען פּאַרלאַמענט איז שוין פערטיילט געוואָרען דער וואודהעד בעריכט, וואס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער פאָרם פון אַ „בלוי בוך" און גיט אַ גענויען אַנאַליז פון טיילונגס פּלאַן פון דער פּיל-קאָמיסיע און זיינע אַלטערנאַטיוען. די וואודהעד-קאָמיסיע האט איינשטימיג אָבגעוואָרפען דעם טיילונגס פּלאַן פון דער פּיל-קאָמיסיע, האַלטענדיג איהם פאַר נישט פּראַקטיש. די מעהרהייט פון דער קאָמיסיע האַלט, אַז אויב די רעגירונג וועט פונדעסטוועגען אונטערהאַלטען דעם טיילונגס-פּלאַן, שלאָגט זי דעריבער פאַר אַנדערע טיילונגס פּראָיעקטען, לויט וועלכע ס'זענען פּאָרגעזעהען אַדורכצופיהרען זעהר אונגינסטיגע ענדערונגען פאַר די יודען.

— אויפ'ן אַמט פון גובערנאַטאָר פון שטאַט ניו-יאָרק איז שוין צום דריטען מאָל געוועהלט געוואָרען קאַלאָנעל הערבערט לעהמאַן, וועלכער איז, ווי בעקאַנט, אַ פיהרענדע פיגור אין יודישען עפענטליכען לעבען אין אַמעריקאַ.

— דאס פערמעגען פון די יודען, פוילישע בירגער, וואס זענען אויסגעוויזען געוואָרען פון דייטשלאַנד, איז ביז-איצט געבליבען אונבעריהרט. אין די פּראָווינץ-שטעדט זענען די וואוינונגען פער'חתמעט געוואָרען דורך דער פּאָליציי ביז צו אַנ'אויפקלערונג.

— קאַרל ראַדעק, דער גלענצענדער סאָוויעטישער פּובליציסט, וואס איז זיינער צייט פער'משפט געוואָרען אויף 8 יאהר תפיסה האט זיך צוריקגעקעהרט קיי'ן מאָסקווא. מען זאָגט, אַז ער איז בעגנעדיגט געוואָרען פאַר זיין עדות זאָגען אין עטליכע פּראָצעסען געגען דער אָפּאָזיציע.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אַטענטאַט פון יודישען יוגענדליכען אויפ'ן סעקרעטאָר פון דער דייטשער געזאַנדשאַפט אין פאַריז פאָם ראַט, איז לויט אַ פעראָרדנונג פון דער דייטשער מאַכט אָבגעשטעלט געוואָרען די גאַנצע יודישע פּרעסע אין דייטשלאַנד אויף אַן אונבעשטימטער צייט.

— אין גאַנץ אונטער-עסטרייך האט מען נעכטען געשפּירט אַ שטאַרקע ערד ציטערניש, וואס האט געדויערט ביז 7 מינוט. אין פיעל ערטער האט מען געמוזט עוואַקוּאירען די בעפעלקערונג.

— דער בעקאַנטער יודישער אַדוואָקאַט לעאָן בערענסאָן האט בעקומען פון דער פּוילישער ליטעראַטור-אַקאַדעמיע אַ גאָלדענעם אַקאַדעמיש לאָרבער.

— קיין חיפה איז אָנגעקומען אַנ'ענגלישע קריגס-שיף מיט פרישע 600 זעלנער אין אָפּציעס.

— דער רעגולערער באַהן-פערקעהר צווישען דייטשלאַנד און טשעכיען איז צוריקגעשטעלט געוואָרען.

די האַנד אין דער טאַש...

קליינער פעליעטאָן

אין די אַלטע צייטען, ווען יודען זענען נאך נישט געווען קיין גלייכבערעכטיגטע בירגער, האט דאס געלד ביי יודען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. מיט אָט די מטבעות האבען זיי זיך אָבגעקויפט פון אַלערליי גזירות און גירושים. אמת, נישט אַלע מאָל האט עס געהאָלפען. פון צייט צו צייט אָבער האט געלד אָבגעראַטעוועט פון גזירות און צרות.

האבען יודען טאַקי געהאַט נאָר איין שטרעבונג צו האבען וואס מעהר געלד. נישט דאס געלד אַלס עיקר האט דאָ געשפּילט אַ ראָלע, נאָר אַלס פערמיטלונגס ציעל, כדי זיך אָבצוראַטעווען פון טויט.

וואס מעהר יודען האבען מיט זייער פעהיגקייט און אינטעליגענץ זיך ערוואָרבען געלד, אַלץ מעהר האט מען זיי פיינט געהאַט און אַלץ מעהר געלד האבען יודען געדאַרפט געבען, כדי זיך אויסצוקויפען פון די פיינגער.

אַזוי ציהט זיך דאס דאָזיגע שפּיעל ביז'ן היינטיגען טאָג. היינט, ווען יודען זענען שוין גלייכבערעכטיגט מיט אַלע בירגער פון לאַנד, דאַרפען זיי נאָך אַלץ האבען אַ סך געלד, כדי צו קאָנען אַדורכשטיפען דאס בינטעל יאהרען.

אויך היינט מוז דער יוד האבען אַ סך געלד, כדי זיך אויסצוקויפען פון גזירות און אויך מוז ער האבען געלד, כדי מיטצוהעלפען זיינע אָרימע ברידער.

אויך היינט האט מען פיינט יודען צוליעב דעם, וואס זיי ערווערבען זיך געלד און מען טהוט אַלע תחבולות, כדי דאס געלד פון יודען אַרויסצובעקומען — דעם יוד האט מען טאַקי פיינד, דערפאַר אָבער זיין געלד האט מען ליעב.

ר' יודעל, האַלט דעריבער דיין האַנד אין טאַש און גיב געלד, וואַרף אויף אַלע זייטען, כי הם חיינו ואורך ימינו, אַ דאַנק אָט דעם געלד האבען מיר נאָך אַ שטיקעל קיום.

מיין שכן ישראל יודעל גיט מיר צו פערשטעהן, אַז קיין שום פאָלק אין דער וועלט דאַרף נישט האבען אַזוי פיעל געלד, ווי יודען, וואס איז אַ לעבענס נויטווענדיגקייט. און אָט פאַרוואָס:

יודען, נישט קוקענדיג דערויף, וואס זיי זענען דיזעלבע בירגער פון דער שטאָדט און צאָהלען קאָמונאַלען שטייער, מלוכה שטייער (אוי, צאָהלען זיי) מוזען זיי נאָך בעצאָהלען אַ ספּעציעלען קהלה שטייער, וואס האט אַ ספּעציעלען נאָמען און רופט זיך: עטאַט. אודאי, ווילען יודען נישט נערן צאָהלען דעם שטייער, נאָר רעקורסירען, פּראָטעסטירען און טהון אַרומרעגירען... און מען מוז עס פון זיי נעמען בעל כ'חך, ווארום, יודען-מוזט איהר ווי-סען-האַלטען זיך פאַר מיוחסים. וואס טייטש? בעריל אָדער גרונם וועט מיר אויסמעסטען דעם עטאַט און איך וועל איהם בעצאָהלען, היה לא תהיה— איך וועל מיר שוין מיט זיי אַנ'עצה געבען. הכלל, אַהין-אַהער, מען סטראַשעט, מען וואָרענט, מען שיקט דעם סעקוועסטראַטאָר אויב ס'איז נויטיג און סוף כל סוף צאָהלט דער יוד עטאַט, דעם ספּעציעלען שטייער פאַר דער יודישער קהלה.

געוואַלד יודען, ווערט אַ געשריי אין דער גאַס, ראַטעוועט דאס יודישע שפּיטאַל, וועלכעס געפינט זיך אין געפאַהר זיך אַרויסצוגליטשען פון יודישע הענד. און אויבגעציטערט ווערט דאס יודישע הארץ, טראַכטענדיג, אַז אַזא וואָזשנע יודישע פּלאַצובקע קען אונטערגעהן און ר' יודעל לייגט ווידער אַריין די האַנד אין טאַש און גיט כפי יכולתו, עס איז נישט דאָ אפילו קיין צייט צו טראַכטען, צי דאס געלד, וואס מען גיט צו ראַטעווען דאס שפּיטאַל, וועט האבען אַ תכלית, אפשר דאַרף מען דאָרט עפּיס רעפאָרמירען, אַז עס זאָל נישט פערשלינגען ווערען אַזוי פיעל געלד, אַז דער חלף ליגט אויפ'ן האַלז איז דאָך נישט שייך וואס צו זאָגען, איז דאָך נישטאָ קיין צייט צו טראַכטען, קומען צו געהן גבאים מיט'ן טיכעל און דער האַנד און ר' יודעל גיט געלד.

אַ שפּיטאָל פאַר יודען דאַרף דאָך אויסגעהאַלטען ווערען דורך דער קאָמונאַלער אינסטיטוציע, ווייל די יודען זענען דאָך בירגער פון דער שטאָדט און צאָהלען אָב אַלע שטייערן; במה דברים אמורים-ביי נישט יודען, האַלט עס אָבער ביי אחינו בני-ישראל, וועלכע אָפּטען אויף כשרות און נאָך אַנדערע ספּעציפישע אייגענאַרטען, מוז מען דאָך האבען אַ יודיש שפּיטאַל, טאָ גיב געלד עס צו ראַטעווען ר' יוד.

יודען זענען לאָיאַלע בירגער פון לאַנד, און נישט נאָר לאָיאַל נאָר אויך פּאַטריאָטען, ווארום מיר יודען האַלטען פון דעם פסוק הוי מתפלל בשלומה של מלכות, וואס שיצט אונזער לעבען, דאַרף מען דאָך זיך בעמיהען, אַז די מלוכה זאָל זיין אַ שטאַרקע. נו, אויב זיין שטאַרק קאָן מען נאָר דאַמאָלס ווען מען האט גוט געוועהר. אַ סך עראָפּלאַנען. דאַרף די יודישע בעפעלקערונג בעווייזען איהר לאָיאַליטעט און געבען דער פוילישער אַרמעע אַנ'עראָפּלאַן.

אַ בעזונדערער יודישער קאָמיטעט האט זיך געגרינדעט און אַ קול קורא איז אַרויסגעגאַנגען צו דער יודישער בעפעלקערונג אין שטאָדט צו געבען געלד אויף דעם צוועק און געבען זאָלען העשיר לפי עשרו והאָרימאַן לפי עניו, זאָלען זיך בעטייליגען אין דעם דאָזיגען פּאַטריאָטישען חוב.

יודען גיבען טאַקי און ווי עס בעווייזט די רשימה וועט אין קורצען אין נאָמען פון דער טשענסטאָכאָווער יודישער בעפעלקערונג איבערגעגעבען ווערען דער מיליטער מאַכט אַ „סאַמאָלאָט".

פערהאַנען ביי אונז אַ קרן-קימת, אַ קרן-היסוד, פאָנדען, וואס זענען געשאַפען געוואָרען, כדי אויפצוריכטען די יודישע צוקונפט העלפען בויען דאס יודישע לאַנד. גיבען יודען אי אויב'ן ערשטען אי אויפ'ן צווייטען.

מען געהט בויען אַ יודיש גימנאַזיום. טאָ ווער גיט געלד? יודען און נישט דאָרט עפּעס אַ פּאַר גראָשען, נאָר טאַקי די אמת'ע מטבע.

ווארט נאָר אויס. כמעט יעדען זונטאג קומען פאַר בלומעל-טעג נישט קיין יודישע ווער איך זיך מיט אייך וועטען, אַז ס'רוב נותנים זענען יודען.

קורץ, וואו דו געהסט און וואו דו שטעהסט איז נאָר געלד און געלד.

אַ טעלעגראַמע איז אָנגעקומען אין דער קהלה, אַז אין קאַטאָוויץ געפינען זיך עטליכע טויזענד יודען, פּוילישע בירגער, וועלכע זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דייטשלאַנד און זיי נויטיגען זיך אין הילף. עוד זה מדבר וזה בא, איידער מען האט זיך נאָך אָריענטירט וועגען וואס דאָ האַנדעלט זיך, קלינגט שוין דער טעלעפאָן פון זבאָנשין, אַז דאָרט זענען פערהאַנען אַנ'ערך אַכט טויזענד פּליטים, וועלכע געפינען זיך אין אַנ'אויסערסט שווערען צושטאַנד און הילף איז דרינגענד.

באַלד האבען זיך אויך ביי אונז בעוויזען די ערשטע שוואַלבען, זיי זענען געקומען צו לויפען, ווער אַליין, ווער מיט'ן ווייב און קינדער, איבערלאָזענדיג דאָרט זייער פון יאהרען שווער-אָנגעהאָרעוועטע האָב און גוטס, און אַ פראַגע האט געשוועבט אויף זייערע ליפּען, אַ פראַגע, וואס האט נישט בעקומען קיין ענטפער. נאָר דער עולם האט זיך גענומען צו דער אַרבייט, עס איז אויסגעטיילט געוואָרען אַ קאָמיטעט, וועלכער האט אָנגעגורט די לענדען, און גענומען זאַמלען און זאָל דאָ געזאָגט ווערען צום שבח פון פוילישען יודענטום, אַז אַ געוויסער טייל פון יודישען צבור אין פוילען האט מיט זיינע נדבות איבערגעשטיגען די אַמעריקאַנער יודישע פילאַנטראָפען. טשענסטאָכאָווער יודען האבען געלד נישט געגעבען קיין סך, זאָל מען זאָגען אַזוי ווי די קאַטאָוויצער, בענדינער, קראָקאָווער און לאָדזער דערפאַר אָבער האבען זיי נישט געזשאַלעוועט קיין שוה כסף, שיך, קליידער, וועש, מען זאָל זיין אפילו נישט קיין גאַנץ נייע, האט מען געבראַכט עד לרוב. אויך עסנוואַרג האט מען געבראַכט אַ סך. מען האט געבראַכט אַזוי פיעל, אַז מען האט נאָך אוועקגעשיקט פון עס יוצא לאַסט אויטאָס צו 3000 קילאָ קיין זבאָנשין.

א'ן מיניאַטור טאַקי אָבער געלד האבען זיי פאָרט געגעבען די יודען אין טשענסטאָכאָוו. און אָט פאַר די דאָזיגע געלטער האט מען איינגעאָרדענט די 130 נפשות, וועלכע זענען אויסגעפאַלען אויף טשענסטאָכאָוו און מען האט אויך אין זינען, נישט בלויז אין דער מחשבה, נאָר מען שיצט טאַקי אונטער אויך די טשענסטאָכאָווער, וועלכע געפינען זיך אין זבאָנשין.

ווי איהר זעהט אַלזאָ פון דעם אַלעם-גיט מיר צו פערשטעהן מיין שכן ישראל יודעל-מוזען יודען האבען געלד, און נישט כדי צו זאַמלען און צו האבען אַ הנאה דערפון, נאָר טאַקי כדי עס ביי יעדע געלעגענהייט-קאָנען אַוועקגעבען.

ווי גרעסער די צרות זענען-פערענדיגט זיין געשפּרעך מיין שכן-אַלץ מעהר דאַרף אַ יוד האבען געלד. אמת, וואס מעהר עמיצער האט, אַלץ ווייניגער וויל ער אַוועקגעבען. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז גלייכער, אַז מען האט, צי מען נעמט עס מיט ביזון צי מיט גוטען, מען נעמט שוין.

דעריבער וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז יודען זאָלען האבען וואס מעהר געלד, ווייל אָהן געלד וואָלט געווען נאָך ערגער. מיר געהען נישט מיט אונזער געלד אין שענק אַריין. מיר האַלטען עס, אַז ביי יעדער צרה שלא תבא, זאָלען מיר קאָנען האַלטען די האַנד אין דער טאַש...

סמאל

די נאַציס און די 'אַראַבער'

פון לעאָ קעניג

„אַ טראַגעדיע אין פּאַלעסטינאַ: דריי טויזענד אַראַבישע קעמפער פאַר פריי-הייט געפאַנגען".

וואָלט איהר דאָך געמיינט, אַז די מעלדונג איז ערשיענען ערגיץ אין אַ קאָמוניסטישער צייטונג, מאַכט איהר דאס מאָל אַ גרויסען טעות: די אָפּי-ציעלע דייטשע נייעס-אַגענטור איז אַרויס מיט דער הארץ-רייסענדער ידיעה וועגען די געפאַנגענע דריי טויזענד אַראַבישע קעמפער פאַר פרייהייט.

מיר ווייסען נישט נאַטירליך, וואָס עס טהוט זיך אַצינד אין נאַצי-לאַנד, נישט קוקענדיג אויף די צעהנדלינגער בריף, וואָס ערשיינען אין די צייטונ-גען, וואו עס ווערען בעשריבען די פרידליכע שטימונגען אין לעכצונגען אין דייטשלאַנד.

נאָר אונז שטעלט זיך פאָר: אויב אין היטלער'ס דייטשלאַנד איז נאָך געבליבען אַ סימן פון הומאָר, מוזען אַ סך דייטשען, לייענענדיג די נייעס אין זייער פּרעסע, זיך ווייבען די אוי-גען און אונטערשמייכלען ביטערלין:

געבעלס און שטרייכער'ס פּרעסע פערגיסט שוואַרצע קראָקאָדיל - טרעה-רען אויף דעם גורל פון די אַראַבישע קעמפער פאַר פרייהייט.

אין נאַצי-לאַנד, וואו „פרייהייט" איז פערשפּאַרט און פערפייניגט אין קאָנ-צענטראַציאָנס לאַגערן קלאָגט מען אָפי-ציעל אויפ'ן גורל פון די אַראַבישע פרייהייטס קעמפער.

אין נאַצי-לאַנד, וואו אפילו אַ קאַר-דינאַל איניצער (וועלכער איז געווען פון די ערשטע אין עסטרייך צו שריי-ען „הייל היטלער"), מוז זיצען בע-וואַכט אין זיין פּאַלאַץ, אין דעם זעל-בען דייטשלאַנד פערגיסט מען איצט טרעה'ען פאַר דער אַראַבישער פריי-הייט.

וואָס איז דאס פאַר אַ זאַך פריי-הייט, וואָס די אַראַבער קעמפען דער-פאַר אַזוי העלדיש (לויט די נאַצי פּראָ-פּאַגאַנדיסטען) און וואָס די דייטשען טאָרען אפילו דערפון נישט קלערען?

וואָס איז דאס פאַר אַ מין ענין „פרייהייט" וואָס דוקא דער מופטי איז איהר גרויסער משעמפּיאָן און נישט להבדיל אלף אלפי הבדלות אַ... מאַ-מאָס מאַן?

און טאַקי דער ענין „אַראַבער" אַליין:

זענען די אַראַבער סעמיטען, צי ניין? און אויב יאָ, ווי איז מעגליך, אַז די פערשאָלטענע נידריגע סעמיטישע ראַסע זאָל קענען אַרויסגעבען אַזעלכע „נאָבעלע העלדישע קעמפער פאַר פריי-הייט" ווי די אַראַבער זענען, לויט דער מיינונג פון די געבעלסעס?

און ס'איז יאָ מעגליך, טאָ ווי זעהט אויס די גאַנצע „ראַסען-טעאָריע" אויף וועלכער עס איז געגרינדעט דער נאַ-צישער דריטער רייך?

אז די אַראַבער (ווי די געלע יאַ-פּאַנער קענען יאָ זיין קאַמף-שותפים מיט די „בלאָנדע נאָבעלע אַריער"— טאָ ווי אַזוי קענען זיי זיך אָנרופען אַנטי-סעמיטען?

איינס פון די ביידע: אָדער די אַראַבער זענען נישט קיין סעמיטען אָדער די יודען זענען עס נישט.

די נאַצי-טעאָרעטיקער, די ראָזענ-בערגס, מוזען בעצייטענס רעווידירען זייער ראַסען-פילאָזאָפיע און אמונה אין בלוט, אויב זיי קענען עס.

זיי זענען עס פּראָסט פשוט שולדיג די „נאָבעלע אַראַבישע קעמפער פאַר פרייהייט", וועלכע האבען איצט אַפּע-לירט צו היטלער'ן, ער זאָל זיי העל-פען אין זייער קאַמף מיט ענגלאַנד און מיט די יודען.

צי היטלער וועט דערהערען זייער הילף-געשריי און ווייטער העלפען איז שווער פאָראויסצוזאָגען, אָבער עס קאָן קיין ספק נישט זיין, אַז ער האט זיי ביז איצט יאָ געהאָלפען אין פּאַ-לעסטינאַ (נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער ענגלישער קאָלאָניען-מיניס-טער האט אָפיציעל ערקלערט, אַז זיי ווייסען נישט דערפון) איז נישט די איצטיגע אומגעלומפּערטע און שרייענ-דיגע פּראָ-אַראַבישע נאַצי-פּרעסע—אַ הילף?

האָט היטלער נישט איינגעלאַדענט אַ אָפיציעלע דעלעגאַציע פון אַראַבישע רעבעלען צום נירענבערגער קאָנגרעס? דאַרף מען בעסערע און אָפענערע גע-וויזען, ווי שטאַרק פּעראינטערעסירט די נאַצי-פיהרער זענען אין דעם אַראַ-בישען קאַמף פאַר פרייהייט?

די אַראַבישע פּאַטריאָטען רופען היטלער'ן, ער זאָל זיי העלפען און ער פּאַטראָניזירט, פּעטשטעהט זיך זיינע סעמיטישע חבירים און פערעה-רער.

מיר דאַרפען נישט קיין נייע בע-ווייזען, ווי בלאָפעריש עס זענען די ראַסען און בלוט טעאָריעס, אויף וועל-כע עס שטיצט זיך דער נאַציזם און פאַשיזם. היטלער איז דער מאָדערנער אבי אבות פונ'ם אַנטיסעמיטיזם און ער איז איצט קוזעניו, מוצעניו מיט די אַראַבישע עפענדיס און מופטיס, וועלכע זענען אויסען צו פערשקלאַפען דאס אַראַבישע פאָלק. מוסאָליני האט אָנגענומען דעם נאַצישען אַנטיסעמי-טיזם און ראַסען טעאָריע—און ער איז דאָך אַוודאי אַ מלאך הגואל פאַר די אַראַבער.

פראַנקאָ קעמפט מיט'ן וועלט יודענ-טום, מיט'ן באָלשעוויזם און מיט'ן שפּאַנישען פאָלק מיט דער הילף פון מירען און אַראַבער. דאס איז אַלץ אַלטע בעקאַנטע פאַקטען.

דאס איינציגע, וואָס אונז חידוש'ט נאָך, איז וואס אינ'ם צווייטען עק-סטרעמען אידעאָלאָגישען לאַגער, איז מען נאָך אַלץ גענויגט צו בעטראַכטען דעם מופטיס רעבעלען ווי „קעמפער פאַר פרייהייט געגען דעם ענגלישען אימפּעריאַליזם".

אָנגענומען, אַז די ציוניסטישע פּראָ-פּאַגאַנדע פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז געווען טראַגיש שוואַך און איינזייטיג, אָבער עס איז גענוג צו זעהן און הערען ווי געבעלס פּרעסע פערגיסט שוואַרצע קראָקאָדיל טרעה-רען פאַ' די אַראַבישע קעמפער פאַר פרייהייט, מען זאָל פערשטעהן, וואָס פאַר אַ קעמפער פאַר פרייהייט זיי זענען, און פאַר וואָס אַ „פרייהייט" זיי קעמפען.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

פרשת וירא

איה שרה אשתך

וואס האבען עפעס די מלאכים גלייך ביים אָנקומען געשטעלט די פראַגע איה שרה אשתך? די מלאכים האבען געזעהען די גרויסע סעודה, וואס אברהם גרייט זיי צו, א בן בקר רך וטוב, חמאה וחלב, פּוטער, מילך, פליייש, האבען זיי פערשטאַנען, אז דאס ווייב מוז נישט זיין אין דער היים, זאָנסט וואָלט זי נישט ערלויבט צו אזא גרויסען כבוד און דעריבער האבען זיי געפרעגט אי'ה שרה אשתך. אב'הם האט פערשטאַנען זייער כוונה און געענטפערט: הנה באהל—זי איז יאָ אין דערהיים, נאָר חדל להיות לשרה ארח כנש'ם—שרה איז נישט אזוי ווי אַנדערע פרויען, וואס האבען נישט גערן קיין אורח'ם, זי איז א גרויסע צדיקת און איז מכבד הונגעריגע דורכוואָנדערער.

ותהי נציב מלח

במלח חטאה במלח לקתה אמר לה תני מעט מלח לאורח'ם הללו אמ'ה אף המנהג הרע הזה אתה בא להנהיג במקום הזה—ווייל לוט'ס ווייב האט געזינדיגט מיט זאַלץ, נישט וועלענדיג געבען די אורחים אַביסעל זאַלץ צום עסען, איז זי געשטראָפט געוואָרען, וואס עס איז פון איהר גע-וואָרען א שטיק זאַלץ (מדרש בר"ר—רש"י).

א קמצן איז אויף דער אויפפאָדע-רונג פון גבאי געווען געצוואונגען אהיימצונעמען אַנ'אורח אויף שבת. ביים עסען האט דער אורח געבעטען אביסעל בראָנפען, ווייל דאס איז א סגולה צו אַפּעטיט. דערויף האט צו איהם דער קמצן געזאָגט: עס שטעלט זיך א פראַגע, לויט'ס ווייב האט די אורחים מכבד געווען מכל טוב, מיט פיש, פלייש, קאָמפּאָטען, נאָר פונקט זאַלץ, וועלכעס איז דאס ביליגסטע אַרטיקעל וואס זי זיך געוואָלט איינ-שפּאָרען, וואס איז די סיבה דערפון? נאָר דער תירוץ איז: לוט איידער ער אין געגאַנגען חתונה האבען, האט ער זיך אויסגערעדט מיט'ן ווייב, אז זי מוז מאכל ומשקה זיין אלע הונגעריגע אורחים, אזוי ווי ער האט צוגעזעהען ביי זיין פעטער אברהם, און דאס האט לוט'ס ווייב מקיים געווען, אָבער געבען די אורחים זאַלץ, בכדי זיי זאָ-לען האבען א גרעסערען אַפּעטיט און קענען מצהר עסען ווי זיי דאַרפען, דעם איז זי נישט מחויב. דאס זעלבע זאגט דער קמצן איז מיט מיר. איך מוז געבען א הונגעריגען צו עסען, אָבער געבען בראָנפען און ערשט מא-כען אַנ'אַפּעטיט צום עסען בין איך נישט מחויב.

וישכם אברהם בבקר—אל המקום—אשר עמד שם

אַ חסיד מיט אַ בעל-הבית האבען זיך געוועט וואו אברהם האט געדאַ-ווענט. דער חסיד האט געזאָגט — אין שטיבעל און דער בעל-בית—אין שוהל.

די צוויי צדדים זענען געגאַנגען צום רב, אַז ער זאָל אַרויסזאָגען דעם פּסק. דער רב האט גע'פּסקענט, אַז אברהם האָט געדאַווענט אין דער שוהל צוליעב פאָלגענדע טעמ'ים: דער פּסוק זאָגט וישכם אברהם בבקר — אברהם האָט געדאַווענט תפלה בזמנה און דאס איז נאָר אין דער שוהל—דאס הייסט אַ שוהל, ווי יעקב האט געזאָגט מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים. נאָר דער לעצטער מאָטיוו איז דער וויכטיגסטער: אשר עמד שם—ער איז ביים דאַווענען געשטאַנען, ווען ער וואָלט געדאַווענט אין שטיבעל, וואָלט ער דאָך געגאַנגען אַרויף און אַראָב.

כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה

פאַר'ן אָזאָרקאָווער רב ר' זיסקינד ליפשיץ ז"ל איז פאָרגעקומען א דין-תו'ח צווישען א בעל-בית מיט א לאָקאַטאָר וועגען אַנ'עקסמיסיע. דער בעל בית האט נישט געוואָלט מקיים פסק זיין, ערקלערענדיג, אז ער האט מורא פאַר זיין ווייב, וועלכע איז גע-גען רב'ס פסק.

דערויף האט איהם דער רב ז"ל געענטפערט: אין דער תורה געפינט זיך: גאָט האָט געזאגט צו אדמ'ן כי שמעת לקול אשתך ארורה האדמה בעבורך—דאס הייסט, אז א פרוי דאַרף מען נישט פאָלגען. דאַגעגען אין דער היינטיגער סדרה שטעהט: כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה—דאַרף מען ווידער די פרוי יאָ הערכען, וואס זאָל מען אייגענטליך טהון, פאָלגען אָדער נישט? דער פשט איז אָבער אזוי: אויב די פרוי וועט צו דיר רע-דען רוהיג מיט שכל, איז כל אשר „תאמר" אליך בלשון רכה—שמע בקולה, זאָלסטו זי פאָלגען. ביי אדמ'ן אָבער שטעהט כי שמעת „לקול" אשתך—ווייל דיין פרוי האט געמאַכט געוואָלדען, געשאָלטען און געזידעלט, דעריבער האָסטו פאַר איהר מו"א געקריגען—ארורה האדמה בעבורך—ביזטו שוין פערפאָלען דאס גאַנצע לעבען. דאס זעלבע האט דער רב געזאגט צום בעל-בית: אויב דו פאָלגסט דיין ווייב, ווייל די האָסט פאַר איהר מורא כי שמעת „לקול" אשתך—איז שוין ארורה האדמה בעבורך.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אין מיין היינטיגען „וואס געהערט, וואס געזעהן" וועלען פעהלען אַביסעל ידיעות וועגען דער אקטועלער פראַגע פון דער וואָך — וועגען די וואַהלען פון מיים רעפּוטאַטען, גאָר פשוט, ווייל דעם זעלבען טאָג, ווען ס'זענען פאָרגעקו-מען די וואַהלען, בין איך געווען אויף דער רייזע און במילא האב איך נישט וואס איבערצוגעבען. דערפאַר האב איך אין דער זעלבער צייט אויפגע-כאַפּט אַנדערע איינדריקען, וועלכע זע-נען, לויט מיין מיינונג, נישט ווייניגער וויכטיג, איבערהויפּט פאַר אונז, יודען בכלל און פאַר די פּוילישע יודען בפרט, ווי די וואַהל איינדריקען...

צוליעב פערשטענדליכע טעמים וועל איך מוזען אויסקלויבען נאָר דאס, וואס אייער מאָגען וועט קענען פערדייען...

איך בין געווען אין די מקומות, וואו די אַרויסגעטריבענע יודען פון דייטש-לאַנד, פּוילישע בירגער, געפינען זיך.

דער „ערשטער ברוך הבא.

נאָך אַ גאַנצע נאַכט שלעפען זיך אין די וואַגאָנען זענען מיר אָנ'עוך האַלב 7 פריה אָנגעקומען קיין זבאָנ-שין. באַלד, ווי מיר זענען אַרויס פון וואָקזאַל האט אונז מקבל פנים געווען אַ יוד מיט אַ גרויסער באָרד און בע-ברילטע אויגען. — גוט מאָרגען, גוט יאָהר, ווער זענט איהר? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע. אַ פּליט — איז געווען זיין ענטפער. אויף מיין ווייטערדיגער פראַגע, צי ס'איז ערלויבט זיך צו זעהען מיט די פּליטים, איז געקימען אַנ'ענטפער אין אַ ברוגז'ען טאָן: א שאלה, פאַרוואס זאָל מען נישט קאָנען זעהען—מוטשעט ווייטער דער יוד—און זייט רוהיג, איהר וועט האבען עפּיס צו זעהען.

אין 2 מינוט אַרום האט זיך טאַקי פאַר אונזערע אויגען בעוויזען אַ בילד, וואס האט אויפגעשוידערט אַלע סטרו-נעס פון דער מענשליכער נשמה. אין באַראַקען, אַמאָל איז דאס געווען סטיי-ניעס פאַר פערד פון מיליטערישען גאַר-ניזאָן, ליגען אויף דר'ערד גאַנצע מש-פּח'ות, ווער בוגעדעקט מיט אַ זאַק, ווער מיט אַנ'אַלטען פּאַלטען און אויך אַזעלכע, וואס האבען זיך איינגאַנצען נישט מיט וואס צוצודעקען. איך האב געקוקט אויף די הייפענס ביינער, וועל-כע זענען דאָרט געלעגען און האב זיך בשום אופן נישט געקענט פאָר-שטעלען, אַז דאָרט ליגען מענשען, לע-בעדיגע מענשען, וועלכע האבען פער-לאַנגען און דאַרפען ערפילען מענשלי-כע פונקציעס; ווען עס איז מיר גע-וואָרען דושנע אויפ'ן האַרצען און מיי-נע ברילען זענען נאַס געוואָרען, בין איך שנעל אַרויס אויף דער גאַס, נאָר אויך דרויסען איז נישט געווען בעסער —דער הימעל איז געווען פערכמורעט און אַ דראָבנע הערבסט-רעגענדל האט געטראָפּט און געטראָפּט.

קומט אין צווייטען באַראַק—מונטערט מיך דער יוד, וועלכער האט מיר גע-וויזען דעם ערשטען באַראַק, נאָר דאָרט בי'ן איך שוין נישט געגאַנגען אַלס נייגעריגער, נאָר כאילו כפאה שד — כ'האב נישט געוואָלט בעליידיגען דעם יוד, וועלכער האט מיר אַרויסגע-וויזען אַזוי פיעל גאַסטפריינדליכקייט און מיר געמאַכט דעם ערשטען ברוך הבא. און אויך אין צווייטען באַראַק איז געזעהן דאס זעלבע, וואס אין ערשטען, אַזוי אין דריטען, פיע'טען א. אז. וו.

דאס בילד האט מען מיר געוויזען באַלד ביים אָנקומען אַלס דעם ערשטען ברוך הבא...

טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט.

מיר זענען אַרויס פון די באַראַקען און געלאָפען זוכען טשענסטאכאווער לאַנדסלייט. מיר האבען געהאַט אַנ'-אַדרעס צום קהלה-סעקרעטאַר ה' דוד יעלען, אַ טשענסטאכאווער, וועלכער וואוינט זינט 15 יאָהר אין זבאָנשין. נישט לייכט איז עס אָבער אונז אָנגע-קומען, ווייל זבאָנשין איז אַ גרויס, צוואָרפען דאָרף און ערשט אויפ'ן סוף שטעדטיל וואוינט אונזער בן-עיר, דוד יעלין.

נאָך לאַנגע זוכענישען האבען מיר איהם געפונען, אייגענטליך נאָר די דירה, אין וועלכער ער וואוינט, ווייל איהם, דעם בעל-דבר גופא, האט מען נישט געוואָלט אויפוועקען, ווייל סך-הכל איז ערשט אַנדערטהאַלבען שעה ווי ער האט, נאָך עטליכע נעכט כסדר וואַכען און אַרבייטען איבער די כחות, זיך ערשט אַביסעל צוגעלעגט שלאָפען. נאָר באַלד האבען מיר געהאַט אַנ'אי-בצראַשונג. פון אַ ווינקעל האט זיך אַרויסגעריסען אַ פרויען - שטימע אין אויסגעשריגען מיין נאָמען. און באַלד פיהל איך אַ פּאָר הענד, וואס קלאַ-מערן מיך אַרום און דאס געשריי געהט איבער אין אַ ספּאַזמאַטישען געוויין. איך קוק אָן די פרוי און דערקען זי, אַ טשענסטאָכאָווערין, אַ טאָכטער פון לאַסקאָווסקי'ן, וועלכער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד מיט 22 יאָהר צוריק און איצט האט מען זי מיט איהר מאַן און 2 קינדער אַרויסגעשיקט פון דייטשל-דאַרף.

איך האב זיי בערוהיגט און גע-טרייסט, אַז דערווייל דאַרפען זיי דאָך זיין צופרידען, וואס זיי געפינען זיך אין אַ פּריוואַטער דירה, ווארום אַנ-דערע טויזענדער ליגען דאָך ערגער ווי הזורים אין די באַראַקען.

איינציגוויין האבען מיר אָנגעהויבען צו בעגעגענען טשענסטאָכאָווער לאַנד-סלייט, די געברידער קאָהן מיט זייערע פ'רויען און קינדער, די פאַמיליע פעלד-בערג, פאַמיליע ראָזענטאַל, שלכה קליינבערג, משה גערבאָווסקי, אָבער-מאָן און נאָך און נאָך. אַלע קומען צו לויפען פרעגען: וועט מען צוריקשיקען? נאָר געה ענטפער, אַז דו ווייסט אַליין נישט. דאס איינציגע, וואס מיר האבען געקענט טהון, איז מאַכען אַ רעגיסט-ראַציע פון די טשענסטאכאווער און זיי שאפען אַנ'אדרעס, וואס מיר האַ-בען טאַקי בעשטימט ביים זעהר ענער-גישען און מענשליך פריינדליכען חבר דוד יעלין.

בו ביום האט דער זעלבער דוד יעלין טאַקי זיך פּעראינטערעסירט מיט די טשענסטאכאווער און פאַר די בעירום ובחוסר'דיגע געשאַפען אַ בגד ללב'ש.

זבאָנשין—אַ צווייטער תל-אביב...

אַ גרעניץ - שטעדטיל מיט עטליכע הונדערט איינוואוינער, ווי אויך 6—7 יודישע פאַמיליעס. איצט איז פערהאַן אין זבאָנשין קנאַפּע 8 טויזענד יודען, איז דאס גאַנצע שטעדטיל פול מיט יודען, אַזוי, אַז די קריסטליכע איינ-וואוינער זענען אַ פערשוואונדענע מינ-דערהייט און מען זעהט זיי קוים אָן.

די יודען פיהלען זיך טאַקי פריי אין זבאָנשין, מען דאַווענט מנחה מיט מנין אין גאַס, אויפ'ן פרייען פעלד, אויך שחרית דאַווענט מען אין טלית און תפילין אין גאַס. מיט איין וואָרט: זבאָנשין איז מיטאַמאָל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צווייטען תל-אביב.

זיי זענען גאַסטפריינדליך...

אין אָנבליק פון דעם אויסטערלישען אומגליק, וואס האט געטראָפען די יו-דען פון דייטשלאַנד פּוילישע בירגער, זענען די זבאָנשינער איינוואוינער, וועלכע מען האט נישט געקאָנט פאַר-וואָרפען צופיעל יודען פריינדשאַפט געוואָרען גאַסט פריינדליך צו יודען אזוי האט געטראָפען א סך פאַלען, ווי קריסטען האבען אַריינגענומען צו זיך אין וואוינונג עטליכע יודישע פאַ-מיליעס צום שלאָפען, איננאַנצען אומ-זיסט, אָבער פאַר א זעהר קליינעם אבצאהל, כאָטש ס'זענען אויך פערהאַנען אַזעלכע, וועלכע נוצען אויס די קאָ-ניונקטור און פערקויפען גערן געבעקס און אנדערע קלייניגקייטען פאַר פּוי-לישע זלאָטעס און אפילו פאַר דייטשע מאַרקען...

די הילפס-אַקציע

דאס איז אַוודאי איינע פון די גרעס-טע הילפס-אַקציעס וואס דאס פּוילישע יודענטום האט ווען עס איז געמאַכט. באַלד ווי די ידיעה איז אָנגעקומען בכל תפוצות ישראל, האט מען אָנגע-הויבען זאַמלען הילף. און צום שבח פון פּוילישען יודענטום מוז מען זאָגען, אז זיי האבען זיך וואַרים אָפּגערופען, מען האט געשענקט גרוי-סע סומעס געלד, מלבושים און עסענ-וואַרג.

אין זבאַנשין האָב איך ביי דער הילפס-אַקציע געטראָפען דעם דירעק-טאָר פון „דזשאינט" גיטערמאַן און ה' זשיכלינסקי און א גאַנצען שטאַב בע-אַמטע, וועלכע האבען געאַרבייט, קאָנ-צענטרירט די גאַנצע הילף. אויך האָב

צוויי קאָנגרעסען אין אמעריקא

פון פסח קאפלאן

אין אמעריקא זענען גלייכצייטיג פארגעקומען צוויי קאנגרעסען, וואָס האבען פאר אונז אַנ'אינטערעס.

אין ניו-יאָרק איז צושטאַנד געקומען א סעסיע פונ'ם אַמעריקאַנער יודישען קאָנגרעס, וועלכע האט געדויערט דריי טעג. דער דאָזיגער קאָנגרעס האט פּראָטעסטירט געגען די רדיפות אויף יודען אין פערשידענע לענדער און מ'האט אָנגענומען וועגען דעם געהעריגע רעזאָלוציעס.

דערביי איז אינטערעסאַנט א כאַראַקטעריסטישער שטריך: אין די רעדעס און רעזאָלוציעס פונ'ם קאָנגרעס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען די האָפנונג, אַז די פינסטערע רעזשימען וועלען נישט אייביג דויערן, ס'וועט קומען א צייט, ווען דער דעמאָקראַטישער גייסט וועט צוריק בעהערשען די וועלט און דאַמאלס וועט אויך דאס יודישע פאלק קענען לייכטער אָבאָטעמען. אָבער אינ'ם בעריכט פון אונזער פּוילישער טעלעגראַפען-אַגענטור ווערט דער דאָזיגער פּאסוס נישט געבראַכט, אנשטאט דעם ווערט דערצעהלט, אַז די דעלעגאַטען פונ'ם קאָנגרעס האָבען זיך געקלאָגט אויף דער פינסטערקייט פונ'ם פאשיזם און אַנטיסעמיטיזם וואס דרינגט אריין ביסלעכווייז אויך קיין אמעריקאַ גופא און מאַכט שווער דעם יודישען לעבען.

ס'הייסט: אנשטאט דעם אָפּטימיסטישען גלויבען, אַז די פינסטערניש וועט פערשווינדען איז געקומען די פעסימיסטישע פערזיכערונג, אַז די פינסטערניש פערשפּרייט זיך נאָך מעהר.

דער ווילען איז דער פאָטער פונ'ם געדאַנק...

און אין דער זעלביגער צייט איז אין דער אַמעריקאַנער שטאדט פּיטסבורג פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון די אַמעריקאַנער פּאָליאַקען, וועלכע האבען גערעדט וועגען, זיך אַליין. דאָרט איז אין די רעדעס און רעזאָלוציעס אַרויסגעבראַכט געוואָרען פאָלגענדיגע פעסטשטעלונג:

די אמעריקאַנער פּאָליאַקען זענען געטרייע בירגערס פון אמעריקא, איבערגעגעבען זייער נייער פאַטערלאַנד מיט לייב און לעבען; גלייכצייטיג אָבער זענען זיי אויך גייסטיג פערבונדען מיט זייער מוטערלאַנד, פּוילען, און ווילען אויך דאָ אין לאַנד דערהאַלטען צווישען זיך די פּוילישע שפּראַך און קולטור.

די פּאָליאַקען אין אמעריקא, הייסט עס, געפינען פאַר מעגליך, צו האָבען צוויי פאַטערלענדער און ליעב צו האָבען ביידע גלייך, אויך מעגען זיי האָבען צוויי שפּראַכען, איינע, די נאַציאָנאַלע שפּראַך, פאר דער היים און פאמיליע און פאר'ן אייגענעם טראַכטען און די צווייטע די לאַנד-שפּראַך, פאר'ן קאָנטאַקט מיט דער אויסערליכער וועלט.

ס'איז כמעט א פּאַראַפראַזע פונ'ם אַמאָליגען לאָזונג פון יהודה לייב גאָרדאָן: זיי א פאָלק אין דערהיים און יענקי אין גאַס.

ביי אונז יודען אָבער האַלטען זיי עס ווי א פערברעך, וואַרפען עס אונז כסדר אויף, בויען דערויף זייער אַנטיסעמיטישע טעאָריע און פערמשפּט'ן אונז דערפאַר אויף פּאָליטישער איזאָלאַציע, עקאָנאָמישער דיסקרימינאַציע, ביז פולשטענדיגער אויסיודישונג.

שוין דערפאַר אַליין, וואס יודען פון איין לאַנד זאָרגען פאר'ן גורל פון אַנ'אַנדער לאַנד, האַלטען זיי אונז פאַר שלעכטע פּאַטריאָטען; און שוין גאָר זינדיג זענען מיר מיט דער יודישער צוגעבונדענקייט צו ארץ ישראל.

ווי קען א יוד זיין — זאָגען זיי — א גוטער פּוילישער בירגער, בעת ער איז פּאַקטיש אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער בירגער, פערבונדען מיט זיינע ברידער אין דער גאַנצער וועלט און בעת ער האט אַנ'אייגען פּאַטערלאַנד, צו וועלכען ער בענקט און שטרעבט?

פאַרוואס זאָלען זיי האָבען צוויי מאָסען, איינע פאר זיך און איינע פאר אַנדערע?

מיר ווייסען, אַז ס'איז א גרויסער חילוק צווישען איירעפּאַ און אמעריקא.

איירעפּא איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרען סיי אינ'ם שנאה בלאָקער פון דער לעצטער מלחמה און נאָכמעהר דורך דער אַליינבעשטימונג, וואס איז דעקלאַרירט געוואָרען אינ'ם ווערסאַלער טראַקטאַט. אָט די אַליינבעשטימונג, וואס דינט איצט פאר א תירוץ, צו צופליקען און אַטאָמאַזירען טשעכאָסלאָוואַקיע, איז אויך דער דענקמאָל איבער די ווילדסטע אָרגיעס פונ'ם צובושעוועטען אַנטיסעמיטיזם אין די פאַשיסטישע לענדער.

אמעריקאַ אָבער איז א לאַנד פון עמיגראַנטען, א געמיש פון קולטורען, שפּראַכען, פּסיכיקעס און שטימונגען.

דאס, וואס איז דערלאָזבאַר אין אמעריקא, קען נישט טאָלערירט ווערען אין איירעפּא.

אין אמעריקא (ווי אויך אין ענגלאַנד) האט אפילו דאס וואָרט „נאַציאָנאַל" אַנ'אַנדער בעגריף. ער איז נישט קיין סינאָנים פון פאָלקיש, נאָר בעדייט די אָנגעהעריגקייט צו דער גאַנצער איינוואוינער, אין היפּוך פונ'ם וואָרט רעגיאָנאַל, וואָס דריקט אויס די אָנגעהעריגקייט בלויז צו איין שטאַט.

דער אמעריקאַנער איז אויך א הייסער נאַציאָנאַליסט; ער פרעגט קודם יעדען פרעמדען, וואס קומט אין זיין לאַנד: „האַו דו יו לייק אמעריקאַ?" (ווי געפעלט דיר אמעריקא?) און כאָמער זאָגט מען איהם א חסרון אויף זיין מדינה, איז ער גרייט צורייסען ווי א הערינג. אָבער זיין נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין פעלקישער, נאָר א לאַנדישער, אַנ'אַלגעמיין בירגערליכער.

יאָ, דער דאָזיגער חילוק צווישען אמעריקא און איירעפּא עקזיסטירט, אָבער מיר זעהען דאָך, אַז גראד אמעריקא איז דאס לאַנד פון דער גרעסטער פּראָספּעריטי אין דער וועלט, זי איז רייך, סיי אין מאַטעריעלע און סיי אין קולטורעלע ווערטען, זי האט געשאַפען דעם טעמפּאָ פון ארבייט, ביי איהר איז דער מענשליכער שאפונגסגייסט געשטיגען הונדערט שטאַק אין דער הויך און געניראַט צעהנדליגער שטאַקען אין דער ערד, איהרע זי'הן ווייסען ווי צו לעבען שיין און האבען אויך געקאָנט שעהן שטאַרבען אין דער וועלט-מלחמה, ווען אמעריקא האט דעצידירט דעם גורל פון דער מענשהייט.

אויב ס'איז פערהאַן אַנ'אונטערשייד צווישען דער פּסיכיק דאָ און דאָרט, האט איירעפּא געמעגט מקנא זיין אַמעריקאַ און זיך אָבלערנען פון איהרע מידות און מנהגים.

דערויף טאָקע האָפען מיר, און די דאָזיגע האָפענונג איז אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע פונ'ם ניו-יאָרקער יודישען קאָנגרעס, ווייל מיר יודען, ווייסען, אַז דאַמאלס וואָלט נישט בלויז אונז יודען, אין איירעפּא, געוואָרען בעסער, נאָר אויך זיי אַליין, די מעהרהייט פעלקער וואָלטען אויך גליקליכער געווען.

אונזער וואונש איז בלויז, אַז די דאָזיגע אויסניכטערונג זאָל קומען וואס גיכער.

א פראַגע וואס מוז געשטעלט ווערען

די קאָאָפּעראַטיווע בענק אין די מיטעלע און קלענערע שטעדט אָריענטירען זיך אין זייער טעטיגקייט — מיט גאָר קליינע אויסנאַהמען — הויפּטזעכליך אויף די בעקומענע קרעדיטען מצד געוויסע צענטראַלע אינסטיטוציעס. אָבער דאָ דאַרף געשטעלט ווערען אַ פּשוט'ע פראַגע: צי די געזעלשאַפטליכע קרייזען דאָ אין לאַנד דאַרפען שוין אינגאַנצען בעפרייט ווערען פון יעדער זאָרג פאר די קאָאָפּעראַטיווען? און צי קאָן בעטראַכט ווערען אַלס ריכטיג אַזאַ צושטאַנד, ווען אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק פערוואַרפט די צענטראַלע אינסטיטוציעס מיט פאָדערונגען בנוגע קרעדיטען און אַליין אויפ'ן אָרט מהוט זי גאָרנישט, כדי אויסצונוצען די מעגליכע אומזעץ קאַפּיטאַלען?

א כאַראַקטעריסטיש בילד אַלס אילוסטראַציע. אינ'ם שטעדטיל ל., וואס צעהלט לערך 200 יודישע משפּחות איז טעטיג זייט עטליכע יאָהר אַ קאָאָפּעראַטיווע קאַסע. לויט איהר לעצטען מאָנאַט-בעריכט צעהלט די דאָזיגע קאַסע וואָקלאַדען 89.70 זל. (שרייב און לייען: ניין און אַכציג זלאָטעס מיט 70 גראָשען!), ווילענדיג נישט ווילענדיג מוז געשטעלט ווערען אַ פראַגע: צי די 200 משפּחות האָבען שוין באמת נישט געקאָנט קיין גרעסערע גבורה בעווייזען, ווי די וואָס דריקט זיך אויס אין דעם מאַלערישען סך-הכל 89.70 וואָקלאַדען? מיר רעדען נישט וועגען פערמעגליכע יחידים, וועלכע וואָלטען אפילו אין אַזאַ קליין שטעדטיל ווי ל. געקאָנט דרייסט אַהן די מינדעסטע אַנשטרענגונגען אריינטראָגען אין קאָאָפּעראַטיוו צו טויזענד אָדער עטליכע טויזענד זלאָטעס. וועגען דעם דאָזיגען מין גבירים איז אפשר איבעריג צו רעדען; וועגען זיי איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען: יש להם ואינם רוצים.

אָבער די קאָאָפּעראַציע איז דאָך אַ מאַסען-בעוועגונג, וועלכע שטיצט זיך אויף אַלע פאָלקס שיכטען. פון דער געשיכטע פון קאָאָפּעראַציע ווייסען מיר אַז 28 אָרימע ארבייטסלאָזע וועבער אין ראָטשדייל האָבען געגעבען די איניציאַטיווע און די שטויס-קראַפט צו דער היינטיגער הערליכער קאָאָפּעראַטיווער בעוועגונג אין ענגלאַנד. וואו זענען אונזערע פאָלקס מאַסען? וואו איז ביי אונז די געזעלשאַפטליכע איניציאַטיווע? עס איז קלאָר, אַז עס קאָן בשום אופן נישט טאָלערירט ווערען אַזאַ מין צושטאַנד, אַז מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו זאָלען ארויסטרעטען אויסשליסליך אין דער ראָלע פון נעמערס, נישט וועלענדיג ארויסווייזען קיין מינדעסטע פעראינטערעסירונג מיט'ן גורל פון דער אייגענער אינסטיטוציע. דער דאָזיגער צוגאַנג צו די קאָאָפּעראַטיווע בענק מוז דורכאויס געענדערט ווערען. די געזעלשאַפטליכע מיינונג מוז שאַרף רעאַגירען אויף די פאַקטען פון אַזאַ פאַסיווקייט, וואס גרעניצט מיט בייזוויליגקייט, לגבי די אינסטיטוציעס, וועלכע זענען כמעט דער איינציגער פינאַנץ אינסטרומענט פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אונזערע אויסלענדישע ברידער ווייזען אויס זייערע נאָבעלסטע סענטימענטען, אַדורכפיהרענדיג ספּעציעלע הילפס אַקציעס פאַר'ן פּוילישען יודענטום, אָבער זיי האָבען דאס פולע רעכט צו פערלאַנגען, אַז אונזערע געזעלשאַפטליכע קרייזען דאָ אין לאַנד זאָלען אויך שאַפען געוויסע פאָזיטיווע ווערטען. פערשטעהען מיר נישט אָבצושאַצען ווי געהעריג דעם דאָזיגען אמת, בעגעהען מיר אַנ'עולה לגבי זיך אַליין, ווייל יעדע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער דערמאָנטער נאָמינעלער פאַרערונג פון יעדען נדבן קאָן בלויז ארויסרופען אַ חשד, אַז מיר זענען נישט פעהיג צו אַ זעלבסטשטענדיגער ראַציאָנעלער ווירטשאַפט. איין בעציהונג מוז זיין לגבי מענשען פון איניציאַטיוו און מהאַט, און גאָר אַנ'אַנדערע בעציהונג ווערט געשאַפען לגבי שנאָרערס.

דער פאַל מיט'ן שטעדטעל ל. איז לײדער! נישט קיין אָבגעזונדערטער פאַקט, ביי אַ סך אונזערע א. ג. געזעלשאַפטליכע עסקנים איז איינגעוואָרצעלט געוואָרען אַ פאַלשער געדאַנק: די אמעריקאַנער לאַנדסלייט מוזען אונז העלפען. זיי העלפען אונז טאַקע און זיי פערדינען אונזער אַנערקענונג אָבער זאָלען די אָנפיהרער פון די איינצעלנע קאָאָפּעראַטיווע בענק געדענקען, אַז זייער פליכט איז נישט בלויז שרייען וועגען הילף פון אויסלאַנד, נאָר קודם כל אָרגאַניזירען די פאָלקס-מאַסען אויף די ערטער און ווייזען זיי דעם געהעריגען ביישפּיל בהסכם מיט'ן אַלטען נוסח: קשוט את עצמך ואחר קשוט את אחרים.

אונזערע קאָאָפּעראַטיווע קרייזען מוזען איצט אַדורכפיהרען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע ארבייט צווישען אַלע שיכטען פון פאָלק. די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע דאַרף קאָנצענטרירען די אויפמערקזאַמקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף אונזערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס. מיר ווילען נישט בלויז [illegible] מיטגלידער דעקלאַראַציעס, מיר ווילען אַ טיפע פעראינטערעסירונג מיט דער ארבייט פון אייגענעם קאָאָפּעראַטיוו. מיר ווילען האָבען בעוויזען פון אַ רייפען קאָאָפּעראַטיווען בעוואוסטזיין, וואס וועט אונז שאַפען די נויטיגע מענשען ארבייט און—קאַפּיטאַלען.

ד"ר י. שלמן

איך געזעהן כסדר אָנקומען צעהנדליגער לאַסט-אויטאָס מיט פּראָדוקטען, וועש און מעדיקאַמענטען. אויך האָב איך געזעהן שטעהן פעלד-קוכען, ביי וועלכע מען האט זיך געפאַרעט; די זאַך איז אָבער, וואס נישט אלע קאָנען געניסען פון דער דאָזיגער הילף, ווייל כדי צו בעקומען מוז מען שטעהען לאַנגע שעה'ן אין די רייהען און נישט אלע מאָל סטאַיעט עס פאר אלעמען. אזוי האבען זיך עטליכע טשענסטאכאווער בעקלאָגט, אז זיי האבען אין משך פון דער גאנצער צייט נאָך נישט געהאט קיין ביסעל געקעכץ אין מויל און ווען איך האָב זיי אָנגעוויזען אויף די פעלד-קוכען, האבען זיי מיט ביטערע איראָניע געזאגט, ווער קאָן דען די זכייה האבען דערצו. דאס זעלבע איז מיט וועש און קליידער. עס איז טאַקי פערהאַנען לרוב מען מוז אָבער האָבען מזל אָדער אויסדויער, אז מען זאָל עס בעקומען.

פאַקטיש אָבער מוז מען מודה זיין, אז די הילפס-אקציע איז אָרגאַניזירט אויפ'ן ברייטסטען מאַסשטאַב.

אין א מינוט פון פערצווייפלונג...

מען דערצעהלט פערשידענע קוריאָזען, וואס זענען געשעהן אין א מינוט פון פערצווייפלונג.

נישט אלע געוועהנליך מעג מען דערצעהלען, וועל איך נאָר איבערגעבען אײנעם פון א סך.

צווישען די פּליטים, זענען פערהאַנען 2 פערשידענע מענשען, פרומע און פרײע. נאָך דעם אומגליק, וואס האט זיי געטראָפען, איז א פרייער, וועלכער האט זעלטען ווען געדאַווענט, טלוצים פרום געוואָרען און האט זיך פערשאפט א טלית און תפילין און רק ער דאַווענט, זאגט תהילים; ער זעהט אין דער שטראף א בעלוינונג פאר זײנע זינד, פערהאַן ווידער אָבער אזעלכע און אזא פאקט האט טאקי פּאסירט, אז אײנער, וועלכער איז געווען א פרומער און נישט פערפעהלט צו דאַווענען, האט אין אָנבליק פון די צרות, אוועקגעוואָרפען דעם טלית און תפילין און דערביי מחרף ומגדף געווען.

ס'פערשטעהט זיך, אז דאס זענען אזעלכע פאלען, וואס קאָנען געשעהן אין א מינוט פון העכסטער פערצווייפלונג.

די מאָדערנע רות...

איך האָב געהאט געשפרעכען מיט די פּליטים, וועלכע האבען מיר דערצעהלט פערשידענע מעשיות, איך האָב גערעדט מיט עלטערע יודען, פרויען, מיידלעך, יונגלעך, גימנאַזיסטען און ארבייטער און יעדער האט דעם דאָזיגען גזר-דין אויסגעטײטשט אויף זײן שטייגער.

מיט די אלע האָב איך גערעדט יודיש. די עלטערע האָבען עס גוט פערשטאנען, דאגעגען די יוגענד האט שוין אביסעל ווײניגער פערשטאנען. געזאונדערט האט מיך אָבער, וואס אײן פרוי אין די מיטעלע יאהרען פערשטעהט נישט מײן יודיש. אויס הצפליבקייט אָבער האט זי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט געוואָלט בעווייזען, אז זי פערשטעהט מיך יאָ, ערשט ווען כ'בין אוועק פון איהר האט מען מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז די דאָזיגע פרוי איז א קריסטין, א רײנע אריערין. אויף מײן פראגע, ווי אזוי קומט זי דאָ אָהער אין דעם ים פון צרות, האט מען מיר דערצעהלט, אז זי האט חתונה געהאט מיט א פּוילישען יודען. און בעת מען האט זיי געוואָלט ארויסטרייבען, איז איהר יודישער מאן נישט געווען אינדערהיים, האט מען דערווייל איהר ארויסגעשיקט און דער מאן איז געבליבען אין דייטשלאנד און זי, דאס ווייב די אריערין, פּראָוועט גלות צוזאמען מיט איהר מאנ'ס גלויבענס-גענאָסען.

די פרוי איז נישט קיין בת יחידה. פערהאַנען דאָרט אין די באַראַקען עטליכע אזעלכע, וועלכע טיילען דעם גורל פון די יודען. זיי זענען די מאָדערנע רות...

מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ...

צוויי דייטשע באַהן-בעאַמטע האבען זיך פערהאַלטען אויף א קורצע ווײלע אין זבאָנשין, האט איך אויפמערקזאם בעאָבאַכט, וואס זיי וועלען זאגען צו דעם גרויל, וואס דאָ טהוט זיך אָב, נאָר לײדער האָב איך נישט געקאָנט אָנקוקען זײערע פּנים'ער, ווייל אזוי ווי זיי זענען אראָב פון דער באַהן האבען זיי אראָבגעלאָזט די קעפּ און אזוי זענען זיי די גאנצע צייט געגאנגען ביז זיי זענען פערשוואונדען געוואָרען אויף א זייטיגען וועג.

דער מוסר-השכל דערפון איז, דאס אפילו דייטשע באַהן-בעאַמטע האבען אויך נאָך אין זיך אזוי פיעל חרפה, אז זיי קאָנען נישט קוקען דעם גרויל פון זייער פיהרער גלייך אין פנים אריין, נאָר זיי קוקען דערויף מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ...

בעמק הבכא

די אלע אויבענדערמאנטע אײנדרוקען, זענען פאַקטיש נאָר א טויזענד טייל פון דעם אלעם, וואס מען לעבט איבער בעת מען בעזוכט דעם עמק הבכא. עס דארף קומען דער גרויסער דיכטער, דער נביא, וועלכער זאָל קאָנען אויסשרייען דעם גרויסען צער און וועהטאג די גהינום'דיגע יסורים פון טויזענדער יודען, איך ווייס נאָר, אז דאס אלץ, וואס איך האָב געזעהן אין משך פון איין טאג, האט שטארק געווירקט אויף מיר פיזיש און גייסטיג. איך האָב זיך עטליכע טעג נישט געקאָנט בערוהיגען און נישט נאָר בייטאג, נאָר אויך ביינאַכט האָב איך געהאט שרעקליכע וויזיעס. מיר האט זיך אלץ פארגעשטעלט, אז איך זעה פּליטים, מענער פרויען, און דער עיקר קינדער, קליינע, גרעסערע און אויך זויג-קינדער, וועלכע דריקען זיך צו צו דער מוטער'ס-שויס און בעהאלטען זיך, זיי האבען מורא פאר א רויב פויגעל, און די מוטער'ס, שיצען זיי מיט זייערע שוואַכע אויסגעמאַטערטע גופים.

מיין הארץ, איז אין משך פון איין טאג פערשטיינערט געוואָרען. איך גלויב שוין, אז אויב מענשען, וועלכע לעבען איבער א מלחמה ווערען גלייכגילטיג צום טויט, איז עס אדענק דעם גרויל, וואס זיי זעהען זיך אָן און לעבען זיך דערמיט איין.

איך קאָן נישט אלץ דערצעהלען, וואס איך האָב געזעהן, איינס ווייס איך אָבער און דאס וויל איך אייך יאָ דערצעהלען, אז אזא בילד האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן און כ'האָב מיר נישט פארגעשטעלט, אז די וועלט, די היינטיגע וועלט, איז פעהיג צו פערוואַנדלען אין איין מינוט מענשען, וועלכע האבען געפיהרט א מענשליך לעבען, אין א סטאַדע הונגעריגע הונט, וועלכע לעכצען נאָך א שטיקעל ברויט, אָבשטעהענדיג שעהנ'ווייז אין דער רייהע.

עס איז איינע פון די שרעקליכסטע טראַגעדיעס פון אונזער פאָלקס-געשיכטע, אָט דער דאָזיגער עמק הבכא.

לויתן

Dobre światło — mniej błędów w pracy:

Każda omyłka powoduje stratę czasu i pieniędzy. Przy dobrym i obfitym oświetleniu maleje ilość błędów i zyskuje się na czasie. Poza ogólnym oświetleniem należy stosować w reflektorku nad maszyną do pisania żarówkę na 65 Dlm. Wewnątrz matowane Osramówki D dają tanie światło.

OSRAMÓWKI-D

znakowane w dekalumenach gwarantują małe zużycie prądu.

3

פראגראם פון דער 20=טער אונאבהענגיגקייטס = פייערליכקייט

דער קאמיטעט צו פייערן דעם 20 טען אונאבהענגיגקייטס-יום-טוב האט פעסטגעשטעלט פאלגענדען פראגראם:

דאנערשטאג, דעם 10-טען ד. ח. 6 אווענד — צונויפקום פון די ארגאניזאציעס אויפ'ן פיעראצקי פלאץ. נאכ'ן אויסהערען די רעדע דורכ'ן ראדיא פון מלוכה פרעזידענט קומט פאר א „צאפפסטזשיק" איבער די גאסען און די פעדעראציע פון די פאטערלאנד-פערטיידיגער וועט לעגען א קראנץ אויפ'ן דענקמאל פון מארשאל פילסודסקי.

פרייטאג, דעם 11 ליסטאפאד 10 א זייגער פריה קומען פאר גאטעסדינסטען אין די געבעט הייזער פון אלע אמונות און אין דער זעלבער צייט — אין דער קאטעדרע פאר דער שול-יוגענד.

נאך די גאטעסדינסטען, 10.45 וועט איבערגעגעבען ווערען די מתנה פון דער בעפעלקערונג פאר דער ארמעע און 11.30 — א דעפילאדע אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ, אין וועלכער עס וועלען זיך בעטייליגען: מיליטער, מיליטערישע צוגרייטונג מיט געוועהר און פייערלעשער מיט די מכשירים.

אלע געזעלשאפטען ווערען געבעטען צו דעלעגירען פאהן פאסטען, וועלכע וועלען זיך אויסשטעלען 10.45 פון דער לינקער זייט פון דעפילאדע-אבנעמער. פון דער רעכטער זייט וועלען זיך אויסשטעלען די דאזיגע פערזאנען, וואס זענען בעשאנקען מיט'ן ארדער „וויריטוטי מיליטארי" און אונאבהענגיגקייטס קרייץ.

1 א זייגער מיטאג וועט אין סטאראסטווע פארקומען דער דעקאראציע-אקט פון פערזאנען, וואס זענען אויסגעצייכענט געווארען מיט פערדינסט-קרייצען.

4 א זייגער נאכמיטאג וועלען פארקומען עפענטליכע קאנצערטען אין פערשידענע פונקטען פון דער שטאדט.

י. פלעבאנעק און א. בארדזשינסקי—דעפוטאטען פון טשענסטאכאווער קרייז

זונטאג זענען — לויט דער נייער וואהל-ארדינאציע, וואס איז מיט 3 יאהר צוריק געענדערט געווארען — פארגעקומען די וואהלען פון סיים-דעפוטאטען. כאטש מען האט ביי די וואהל אבוואדען נישט געזעהן קיין לאנגע רייהען וועהלער, איז דאך די פרעקווענץ אין אלגעמיין געווען א בעדייטענד גרעסערע, ווי מיט 3 יאהר צוריק, ווען אין טשענסטאכאוו האבען אבגעגעבען זייערע שטימען בלויז 26 פראצענט וואהל-בערעכטיגטע.

דער טאג איז אריבער רוהיג סיי אין שטאדט, סיי אין פאוויאט.

פון די 4 בעשטימטע קאנדידאטען דורך דער קרייז פערזאמלונג, האבען געדארפט געוועהלט ווערען 2 דעפוטאטען. אין טשענסטאכאוו איז געווען 74.802 וואהל בערעכטיגטע און אין פאוויאט — 85 173, בסך-הכל 159.975.

לויט דער פערפליכטענדער וואהל ארדינאציע דארף יעדער געוועהלטער דעפוטאט מינדעסטענס בעקומען 10.000 שטימען.

דער רעזולטאט פון די זונטאג'דיגע וואהלען איז פאלגענדער: יוזעף פלעבאנעק האט בעקומען 44.248 שטימען, אדאם בארדזשינסקי — 42.387 שטימען, ראמאן וואראנסקי — 37.856 שטימען און דיר. וואצלאוו פלאדאווסקי — 37.739 שטימען.

אלס דעפוטאטען זענען דעריבער פון אונזער קרייז געוועהלט געווארען: יוזעף פלעבאנעק, פייערלעשער-אינסטרוקטאר פון קעלץ און אדאם בארדזשינסקי, אנ'ערד-בעזיצער פון ווילקאוויצק.

לויט די פראוויזארישע אויסרעכנונגען האבען אין אונזער קרייז געוועהלט 55 פראצענט וועהלער.

אינטערעסאנטע תביעה פון ארבייטער

אין דער ציוויל אבטיילונג ביים שטאדטישען געריכט אין טשענסטאכאוו האט זיך געפונען א סעריע פראצעסען, וואס ס'האבען פערפיהרט געוועזענע ארבייטער פון דער הוטע „טשענסטאכאווא" אין ראקאוו געגען דעם מאזשעיאווער קאנצערן, צו וועלכען ס'געהער די הוטע.

די געשיכטע פון דער דאזיגער תביעה איז זעהר אינטערעסאנט. דער אנהויב איז געווען בעת די דייטשע אקופאציע-צייטען, ווען די גאנצע איינריכטונג איז געווען צושלעפט, די פאבריק איז געווען נישט טעטיג און די ארבייטער זענען געווען ארבייטסלאז.

נאכ'ן דערגרייכען די אונאבהענגיגקייט, אין יאהר 1919, האט די פוילישע רעגירונג בעשלאסען צו הילף צו קומען די ארבייטער פון דער הוטע, וועלכע האבען פערדינסטען אין קאמף מיט'ן צאריזם און אסיגנירט 500 טויזענד פוילישע מארק אויף שטיצע. נישט-וועלענדיג צוטיילען די סומע, האבען די ארבייטער זי איינגאנצען בעשטימט אויף צו לאזען אין גאנג די פאבריק, היות פון דער רעגירונגס-הילף האבען גענאסען אנ'ערך 900 ארבייטער, האט דאס חלק פון יעדען בעטראפען צו 600 מארק — לויט דער יעצטיגער וואלוטע אנ'ערך 500 זלאטעס.

אייניגע פון די געוועזענע ארבייטער פון דער הוטע „טשענסטאכאווא", וועלכע געפינען זיך אין א שווערער מאטעריעלער לאגע, פערלאנגען דעריבער אויפ'ן געריכטליכען וועג די הלואה פון 19 יאהר צוריק. דאס געריכט האט גענומען אין אכט דעם שווערען מאטעריעלען מצב פון די בעלי-תביעה און בעשלאסען זיי צו בעשטימען אומזיסטע פערטיידיגער.

אורי צבי גרינבערג-אווענד אין בית"ר.

זונטאג איז פארגעקומען ביים אנטייל פון אנגעזעהענע פערזענליכקייטען פון דער טשענסטאכאווער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג אן'אווענד געווידמעט דער שאפונג פון נאציאנאלען העברעאישען דיכטער אורי צבי גרינבערג.

דער מפקד צבי קראק ערעפענט דעם נשף מיט אן'אבהאנדלונג וועגען דער שאפונג פון אורי צבי גרינבערג. צוו. אנד. דערמאהנט ער, דאס ער איז דער איינציגער דיכטער, וועלכער דערמאהנט די יודישע יוגענד, אז איהר וועג איז נישט קיין הבלגה, נור דער וועג פון בר גיורא און ר' יוחנן מגיש חלב.

דאן ערטיילט ער דאס ווארט דעם וו. פארזיצער פון הצ"הר ה' פראפ. וויינבערג, וועלכער בעגריסט די יוגענד וואס נישט קוקענדיג אויף אלע יודישע צרות, ווידמען זיי אויך זעהר פיעל דער קולטורעלער ציוניסטישער ארבייט. דאן רעדט ער ברייט וועגען א. ד. גרינבערג'ס שאפונגען.

נאך די רעדעס ווערען דעקלאמירט א. צ. גרינבערג'ס לידער — אין העברעאיש ווי אויך איבערזעצטע אויף פויליש און יודיש. זעהר שעהן האבען דעקלאמירט און רעציטירט ביתריה: נ. ראזענבלום און ביתרים: סאמסאנאוויטש, בראקמאן און בירענצווייג.

צום סוף פערענדיגט דער מפקד דעם נשף און מעלדעט דאס עס ווערט אויף די נאהנסטע צייט צוגעגרייט א ביאליק אווענד.

מיט „התקוה" און בית"ר המנון ווערט דער פייערליכער אווענד געשלאסען,

די פאסט — דעם 11 ליסטאפאד

דעם 11 ליסטאפאד וועט דאס אמט טירען אויף דער פאסט פארקומען פון 9 ביז 11 פריה. דאס אבגעבען די בריעף און זענדונגען וועט נישט פארקומען.

די קינדער פון דער שולע א. נ. פון זאפיא ווײנשטאק פאר די קינדער-פליטים.

די קינדער פון דער שולע א. נ. פון זאפיא וויינשטאק האבען פארלויפיג צונויפגעזאמעלט 28.20 זל., ווי אויך א פעקיל קליידונג פאר די קינדער פליטים פון דייטשלאנד.

די קינדער פון אנדערע שולען דארפען דעם דאזיגען ביישפיל נאכטהון.

גאטעסדינסטען אין די שוהלען לכבוד דעם אונאבהענגיגקייטס-יום - טוב

לכבוד דעם 20-טען אונאבהענגיגקייטס-יום-טוב וועלען היינט, דעם 11 נאוועמבער 10 א זייגער פריה אבגעריכט ווערען גאטעסדינסטען אין דער שטאדטישער שוהל און אין דער נייער שוהל.

אקאדעמיע לכבוד דעם אונאבהענגיגקייטס-יום-טוב אין יוד. גימנאזיום

לכבוד די 20 יעהריגע יובל-אונאבהענגיגקייטס פייערליכקייטען ארדנען איין די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס אין טשענסטאכאוו א פייערליכע אקאדעמיע אין אייגענעם בנין אויף יאסנאגורסקא 10 8, זונטאג, דעם 13 ליסטאפאד ה. י, האלב 6 אווענד.

אויף דער דאזיגער אקאדעמיע ווערען איינגעלאדענט די עלטערן און פריינד פון גימנאזיום. איינגאנג פריי.

צוויי אויפטריטען פון די קינסטלער יוסף קאמען, רחל האלצער און אברהם וואלפשטאט

פרייטאג, דעם 18 און שבת, דעם 19 ד. ח. קומען אראב קיין טשענסטאכאוו די בעריהמטע ארטיסטען יוסף קאמען, רחל האלצער און אברהם וואלפשטאט, וועלכע וועלען אויפטרעטען אין דער סענסאציאנעלער פיעסע א.נ. „אויף טויט און לעבען" פון מחבר צענזואר ארקס און אין דער איבערזעצונג און רעזשי פון ד"ר מיכאל וויכערט.

ס'איז איבריג פאר דעם היגען טעאטער-עולם זיך ברייט פונאנדערצושרייבען ווער ס'זענען די אויבענדערמאנטע קינסטלער. יעדער איינער קען זיי זעהר גוט פון זייערע פיעלמאליגע אויפטריטען ביי אונז אין שטאדט. ס'וועט געגונג זיין צו דערמאנען, אז ווען ס'איז בלויז אויפגעטרעטען אין א רעציטאציע אווענד יוסף קאמען, האט זיך דער זאל איבערוויגט פון א פולגעפאקטען עולם, וועלכער איז געקומען הערען דעם גרויסען מייסטער פון יודישען ווארט, פון הערליכער מימיק. דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען דער יונגער, טאלאנטפולער רחל האלצער און דעם אינטעליגענטען אקטיאר אברהם וואלפשטאט. איצט, ווען די דריי סטארען טרעטען אויף צוזאמען אין א פיעסע, דארף דאס זיין א קאנצערט-פארשטעלונג אין פולען זין פון ווארט.

אלע וועלען דעריבער אויסנוצען די דאזיגע געלעגענהייט און קומען צו דער פארשטעלונג, וואס זאגט פאר צו שטעהען אויף דער געהעריגער ארטיסטישער הויך.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקערייי פון ה' באטשאן, אלעע 6.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי

זונטאג, דעם 13-טען ד. ח. 4 א זייגער נאכמיטאג אין אייגענעם לאקאל (פילסודסקי 23) וועט פארקומען א שיחת הברים. חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

אויף דער לעצטער פערוואלטונגס-זיצונג איז בעשלאסען געווארען איבערצוזעקלארירען אלע חברים רות. די רעגיסטראציע הויבט זיך אן זונטאג, דעם 13 ד. ח. די חברים-רות ווערען אויפגעפאדערט זיך צו מעלדען ביים סעקרעטאר, וועלכער אמטירט יעדען זונטאג פון 4 ביז 7 אין אווענד.

אכטונג „מכבי"-מיטגלידער!

היינט, פרייטאג פונקטליך 8.30 א א זייגער פריה מוזען אלע מיטגלידער פון „מכבי" דורכאויס זיך שטעלען אין אייגענעם לאקאל, בכדי אנטייל צו נעמען אין דער מאניפעסטאציע לכבוד פוילען'ס אונאבהענגיגקייט.

בעראטונג פון מכבי-קאמיטעט פון קעלצער קרייז אין טשענסטאכאוו

פאריגען זונטאג איז אין לאקאל פון „מכבי" פארגעקומען א בעראטונג פון קעלצער קרייז-קאמיטעט פון „מכבי". צו דער בעראטונג איז געקומען דער מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט פון „מכבי" מגר. קלאיער.

די בעראטונג ווערט געעפענט דורך פרעזעס ש. ניעמיראווסקי. דעם פארזיץ פיהרט אדוו. מ. גאלדבערג. נאכדעם ווי עס געבען אב בעריכטען פון דער ספארט און ארגאניזאציאנעלער טעטיגקייט פון קרייז און פון היגען „מכבי" די ה"ה: ש. ניעמיראווסקי און ה. גאלדשטיין. (דער פארזיצער פון קרייז דר. אש האט צוליב זיין נישט דיספאזיציע נישט אנטיילגענומען אין דער בעראטונג, האלט א לענגערן רעפעראט דער שליח פון ווארשא מגר. קלאיער. ער אנאליזירט גענוי די איצטיגע לאגע פון יודישען ספארט אין פוילען און ווייזט אן אויף די געפאהרען, וועלכע שטעהען פאר אין צוזאמענהאנג מיט די ארישע בעשלוסען פון א רייהע ספארט קערפערשאפטען. מגר. קלאיער רעפערירט אויך די פראבלעמען צו דער בעפארשטעהענדער מכבי'אדע אין ארץ ישראל. צום כוף פון זיין אינטערעסאנטען רעפעראט גיט ער נאך אייניגע אנווייזונגען אין דער ארבייט אויף להבא.

עס ענטוויקעלט זיך נאך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעהמען אנטייל כמעט אלע אנוועזענדע.

צום סוף פון דער בעראטונג ווערט בעשלאסען צו דעלעגירען אויף דער זיצונג פון הויפט-ראט פון „מכבי" אין פוילען, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג אין ווארשא דעם וויצע פרעזעס פון ארטיגען „מכבי", אדוו. גאלדבערג.

ע. י.

קלייניגקייטען

ער לייענט די סדרה לך לך...

צווישען די דייטשע פליטים, וועלכע זענען אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו, געפינט זיך אויך א 13-יעהריגער בחור מאקאווסקי. איז דער בחור שבת אוועק מיט'ן פאטער צום דאווענען אין מנין פון דער מיהל.

בעת קריאת התורה קוקט מען זי'ך ארום, דער בעל-קורא איז נישטא. זוכט מען עמיצען, וועלכער זאל קאנען די דראבנע אותיות, זוכט מען און עס איז נישטא קיין בעלן. אינדעם רופט זיך אן דער קליינער דייטשער פליט: איך קאן לייענען אין דער ספר-תורה און באלד האט מען איהם אנגעטהון א טלית און יענער האט אנגעהויבען לייענען מיט'ן טראפ די סדרה לך לך.

דאס לייענען פון א דייטשען פליט די סדרה „לך לך" האט אויף אלע אנוועזענדע געמאכט א דערדריקענדען איינדרוק און ביי א סך מתפללים האבען זיך בעוויזען טרעהרען אין די אויגען.

ער וויל אויסנוצן די געלעגענהייט...

א גרויסע הילפס אקציע ווערט געפיהרט אין גאנץ פוילען, ווי אויך אין טשענסטאכאוו פאר די פליטים, פוילישע בירגער.

נעמט א פיפיג בחור'ל שטעלט צונויף א ליסטע און הויבט אן זאמלען געלד.

יודען זענען דאך איבערגענומען פון צער און וועהטאג, איז מען נישט מקפיד ווער דער זאמלער איז און אזוי ארום איז איהם טאקי געלונגען צונויפצוזאמלען א פאר צעהנדלינג צוויירס. ערשט שפעטער, ווען יענער האט שוין א שענע פאר פייעם צוזאמענגענומען האט מען זיך געכאפט, אז דאס איז א שווינדלער, וואס נוצט אויס א גוטע געלעגענהייט...

צי זענען זיי אויך פליטים?

דער עקזעקוטיוו פון היגען פליטים-קאמיטעט טהוט אלץ וואס איז נאר מעגליך, כדי די אומגליקליכע צו קומען צו הילף. ס'וועט נישט זיין איבערטריבען, אויב מען וועט זאגען, אז אין עקזעקוטיוו זענען פערהאנען גראד אזעלכע מענשען, וועלכע טהוען זייער ארבייט בשלימות און טאקע איבער די כחות. אויך די פרויען און די יונגע ארבייטען ערנסט און געטריי ביי דער דאזיגער ארבייט.

זיי פעראינטערעסירען זיך נישט נאר מיט די פליטים אין אלגעמיין, נאר אויך מיט יעדען יחיד.

שטעלט זיך איצט די פראגע, צי איז למשל א טשענסטאכאווער איינוואוינער, וועלכער האט לעצטענס געוואוינט אין גדיניע און איז פון דארט אויסגעוויזען געווארען, צי ווערט ער אויך אנערקענט אלס פליט אדער נישט.

די פראגע שטעל איך דערפאר, ווייל אזעלכע פליטים זענען דא און איינצעלנע פון זיי האבען זיך געווענדעט צום פליטים-קאמיטעט נאך הילף.

לדידי, נאך אונזער מיינונג, געהערען די יעניגע יודען אויך צו דער קאטעגאריע פליטים. די פראגע איז נאר ווי אזוי דער קאמיטעט וועט משפט'ן. דער קאמיטעט דארף ארויסטראגען זיין אורטייל צו זיי זענען אויך פליטים.

אויך צווישען זיי זענען פערהאנען רחמנים

לעצטענס איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען צו זיין אין א רייהע שטעדט אין פוילען, געשמועסט מיט די פארשטעהער פון די הילפס-קאמיטעטען פאר די פליטים און כמעט אין יעדער שטאדט האט זיך געפונען אן'איינצעלנער אדער 2 קריסטען, וועלכע האבען זיך אויך בעטייליגט אין דער זאמלונג פאר די יודישע פליטים מיט גרעסערע סומעס געלד.

אין קאטאוויץ זענען זאגאר געווען מעהרערע קריסטען, וועלכע האבען צו זיך אהיימגענומען פליטים און זיי געגעבען א דאך איבער'ן קאפ, זיי מאכיל ומשקה געווען. דאס זעלבע איז געווען אויך אין אנדערע שטעדט.

אמת, אזעלכע זענען געווען זעהר ווייניג. דאס אבער, וואס אין דער היינטיגער פער'סמ'טער וועלט געפינען זיך אויך אזעלכע, ווען אפילו איינצעלנע, איז אויך ווערט פערצייכענט צו ווערען.

פערהאנען א סך יודען, וועלכע האבען זיך אבגעזאגט צו בעטייליגען אין דער הילפס אקציע פאר זייערע אומגליקליכע ברידער, דערפאר אבער האבען זיך ארויסגעוויזען, אז אויך צווישען זיי זענען דא בני רחמנים.

סעם.

די הילפס - אַקציע פאַר די אַרויסגעטריבענע אין אונזער שטאָדט

ווי אונזערע לעזער איז בעוואוסט, האט דער היגער קאָמיטעט ארויסגע-שיקט א לאַסט-אויטאָ מיט 3000 קילאָ מלבושים, וועש און עסענוואָרג, ווי אויך א סומע געלט, וועלכע איז פער-טיילט געוואָרען צווישען די טשענסטאָ-כאָווער פּליטים, וועלכע געפינען זיך אין זבאָנשין און דאס איבריגע — אָוועקגעגעבען דעם צענטראַלען הילפס-קאָמיטעט.

דער טשענסטאָכאָווער פּליטים-קאָמיטעט פיהרט ווייטער אָן מיט דער הילפס-אַקציע, וועלכע איז דער געבאָט פון דער שעה. עס ווערט ווייטער געזאַ-מעלט געלט, קליידער, וועש און עסענוואָרג.

דער פּליטים-קאָמיטעט ווענדעט זיך צו דער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט ווייטער צו שענקען וועש און פאַלטענס ווי אויך עסענוואָרג.

היות ווי צווישען די פּליטים געפינט זיך אויך א גרעסערע צאָהל קינדער איז געבוירען געוואָרען א געדאַנק ביי יודישע קינדער צו זאַמלען שאָקאָלאַדע פאַר די הילפלאָזע פּליטים קינדער.

די דאָזיגע איניציאַטיוו איז גוערט בעגריסט צו ווערען, ווייל די פער-שמאַכטע קינדער נויטיגען זיך אין אַזעלכע דעליקאַטעסען. אויך עלטערע וועדען געבעטען צו שענקען שאָקאָלאַד, אויב מעגליך, פאַר די קינדער.

צו דער יודישער בעפעלקערונג

ביים איצטיגען מאָמענט, ווען דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מצב פון די יודען אין דער גאָרער וועלט איז אזא שלעכטער, פּרוואָכט ביי יע-דען יוד, מעהר ווי אַלעמאָל, דאס נאַ-ציאָנאַלע געפיהל. און אויב דער דראַנג פון יודען קיין א"י איז שטענדיג גע-ווען א זעהר שטאַרקער, איז ער אָבער ביים איצטיגען מאָמענט א פיעלמאָל שטאַרקער. ערשטענס, צוליב די פּאָליטישע בעדינגונגען פון די גרעסטע יודישע קיבוצים אין אייראָפּא, וועלכע זענען זעהר שלעכטע, און יעדער יוד זעהט נור דעם איינציגען אויסוועג אין עמיגראַציע (ווען מען רעדט וועגען עמיגראַציע מיינט מען נאָר קיין א"י), צווייטענס צוליב דעם, וואס דער איצטיגער מאָמענט שיינט צו זיין ענטשיידענד פאַר'ן גורל פון ארץ ישראל.

אויב עס זענען געווען צייטען, ווען די גרויס פון דער עליה האט צופרי-דענגעשטעלט א געוויסען טייל פון יודישען פאָלק, זענען אָבער די דאָ-זיגע צייטען שוין לאַנג פאַריבער. זינט איינציגע יאהר איז די עליה קיין א"י זעהר בעגרענעצט. די א"י-רעגי-רונג האט איינגעפיהרט דעם סיסטעם פון „פּאָליטישען מאַקסימום", לויט וועל-כען, א קליינע צאָהל יודען, איז אימ-שטאַנד עולה צו זיין.

אָבער די יודישע נאַציאָנאַלע יוגענד, נישט נור וואס זי אָנערקענט נישט דעם סיסטעם פון „פּאָליטישען מאַקסי-מום", נור האט אויך שטענדיג בעקעמפט דעם סערטיפיקאַטען-סיסטעם בכלל, אפילו דאמאלס, ווען די סער-טיפיקאַטען האבען ערמעגליכט אנ'עליה פון 60 טויזענד יודען אין משך פון איין יאהר. די יודישע נאַציאָנאַלע יו-גענד, האט געוויזען, ווי אזוי מען איז עולה אהן א סערטיפיקאַט אויך. און זייט א לענגערער צייט זענען עולה קיין א"י הונדערטער און טוי-זענדער יודען פון דער גאַנצער וועלט, טראָץ דעם וואס זיי בעקומען נישט קיין סערטיפיקאַטען, ווייל פאַר אָט די יונגעלייט איז ארץ ישראל א פראַגע פון טויט אָבער לעבען—א פראַגע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט, אָדער וואס אַמאָל גרעסערע דעגענע-רירונג אין אלע גלות טיילען.

אויב אָבער מיר האבען בעוויזען זיך אַנ'עצה צו געבען, ווי עס איז, מיט'ן סערטיפיקאַטען-סיסטעם, זענען מיר אָבער נישט אימשטאַנד צו לעזען די פראַגע פון הוצאות הדרך פאַר יענע יוגענדליכע, וועלכע קענען נישט דע-קען די אויסגאַבען פון אייגענער טאַש און וועלכע שטרעבען, דאַרפען און מוזען קימען קיין ארץ ישראל. דערי-בער איז געשאַפען געוואָרען ביי דער טשענסטאָכאָווער יודישער נאַציאָנאַלער יוגענד א פאָנד א. נ. „קרן העליה", וועלכער דאַרף ערמעגליכען. אַט יענע יוגענדליכע עולה צו זיין. אַנהויבענדיג פון קומענדיגע וואָך ווערט געפּלאַנט ווערען א פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן „קרן העליה". מיר זענען פעסט איבערציינט, אז די טשענסטאָכאָווער יודישע נאַ-ציאָנאַלע בעפעלקערונג, וועט ווי גע-העריג אָפּשאַצען די בעדייטונג פון אָט דעם פאָנד און שטיצען איהם ווי ווייט נור מעגליך.

דער קאָמיטעט פאַר „קרן-הצליה" אין טשענסטאָכאָוו.

ענטדעקט א באַנדע יוגענדליכע גנבים

זייט א לענגערע צייט האט דער קינאָ אייגענטימער פון „סטילאָווי" וו. גאָנוט בעמערקט, אַז פון דער אייזער-נער קאַסע אין קאָנטאָר פון קינאָ ווערט פערשוואונדען געלד און הנחה-בילעטען. די דאָזיגע גנבות האבען זיך סיסטע-מאַטיש איבערגעחזר'ט, אבער די ראַ-פינירטע גנבים האבען קיינמאָל נישט צוגערויבט דעם גאַנצען סכום, נאָר א טייל, כדי נישט ארויסצורופען דעם פערדאַכט.

פערגאַנגענע וואָך איז אָבער פער-שוואונדען א 100 זל.-באַנקנאָט.

ה' גאָנוט האט מודיע געווען די פּאָליציי, וועלכע האט גענומען דאס קינאָ אונטער אָבסערוואַציע אין אין א גאָר-קורצער צייט, דערגרייכט ממש סענסאַציאָנעלע רעזולטאַטען.

ס'איז ענטדעקט געוואָרען אנ'אויס-געצייכנעט אָרגאַניזירטע באַנדע יוגענד-ליכע איינברעכער. עס ווייזט זיך ארויס, אַז איינציגע יונגלעך אין שול עלטער האבען זיך פערזאָרגט מיט נאָכגעמאַכטע שליסלען פון דער טהיר, שלעסער און פון דער אייזערנער קאַסע. די איינברע-כער זענען דעריבער רוהיג אריין ביינאַכט דורך דער פראָנט טהיר פון דער אלטע אויב'ן ערשטען שטאָק אינ'ם וואַרטע זאַל פון קינאָ און אין קאָנטאָר, וואו זיי האבען פון דער קאַסע איניגע מאל ארויסגענומען געלד און בילעטען.

די נאָכגעאַרבייטע שליסלען זענען געפונען געוואָרען אַזש אין זאַווירטשע, וואוהין איינער פון די פיהרער פון דער באַנדע איז יעדען טאָג געפאָהרען אין דער שולע אַריין.

דאן זענען אויך אַרעסטירט געוואָרען איינציגע יוגענדליכע איינברעכער און די מוטער פון אייגעם פון זיי, וועלכע האט פאַ"ן צוגערויבטען געלד זיך געקויפט א מאַנטעל און אַנדערע זאַ-כען.

די ווייטערדיגע אויספאָרשונג איז אין גאַנג.

פון י.ע.ס.פ. „מכבי"

— די ארבייטען פון קולטור קרייז ביים „מכבי" קומען פאר יעדען מאָנ-טאג און מיטוואָך. עס ווערען געהאַל-טען רעפעראַטען און חברים שמועסען.

Kino „LUNA"

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון העלענאַ מנישקובנאַ

GEHENNA

דער רוהם און שטאָלץ פון דער פּוילישער פילם - פּראָדוקציע.

אין די הויפּט-ראָלען:

לידיאַ וויסאָצקאַ, אינאַ בעניטאַ, טשוויקלינסקאַ, סאַמבאָרסקי, אָר-וויד, פערטנער, וועסאָלאָווסקי א.א.

א האַלבער זאל 80, די איבריגע און באַלקאָן 1.09 זל.

יעדען טאָג פון האלב 4 נ"מ—1 סעאַנס פון יונאַשאַ סטעמפּאָווסקיס מייסטערווערק

PROFESOR WILCZUR

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' פ. פראַפּאָרט צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער מוטער 10 קילאָ ברויט.

ה' אברהם פרידמאַן און פרוי צו דער יאהרצייט פון זייער פערשטאָר-בענעם זוהן 5 קילאָ ברויט.

ה' אברהם בערלינער צו דער יאהר-צייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער 5 קילאָ ברויט.

ה' חיים ליפשיץ 5 קילאָ ברויט.

נדבות פאַר די פּליטים פון דייטש-לאַנד

ארבייטער יודען און נישט-יודען פון דער פאַבריק „קאָסמאָס" שפּענדען 41.60 זלאָטעס.

דאס ביוראָ-פּערסאָנאַל פון דער פיר-מע „סטאַל" אין רודניק 15 זל.

די גבאים פון ה' קאָהנ'ס מנין „פּאָפּיערניע" אנשטאט א קירוש 10 זל.

גראַנדיעזע פערוויילונג אין יודישען גימנאַזיום.

שבת, דעם 12 ד. ח. קומט פאָר אין אייגענעם בנין אויף יאַסנאָגורסקא 8 10 א גראַנדיעזע פערוויילונג, איינגעאָר-דענט דורס'ן עלטערן-קאָמיטעט פון יו-דישען גימנאַזיום.

די דאָזיגע פערוויילונגען פון יודי-שען גימנאַזיום האבען יאָהר-יעהרליך קאָלאָסאַלען ערפאָלג און ביי די אנווע-זענדע בלייבען די בעסטע זכרונות. עס איז דעריבער זיכער, אז אויך די היייריגע אונטערנעהמונג וועט אדורך מיט'ן גרעסטען ערפאָלג, איבערהויפּט, ווען די הכנסה איז בעשטימט לטובת דעם בוי-קאָמיטעט פון בנין.

פון „מזרחי"

שבת, פּרשת וירא 3 א זייגער נאכמ. קומט פאָר א רעפעראַט, געהאלטען דורך דעם ח' א. קאָנסענס א. ד. ט.: „דער מצב פון יודענטום אין אייראָפּא, און וואס איז זיין אויפגאַבע אין איצ-טיגען מאָמענט".

א מיכאַלעוויטש - אַקאַדעמיע אין „מכבי"-זאַל

מאָרגען, שבת, דעם 12 נאָוועמבער קומט פאר אין „מכבי"-זאַל פּונקטליך 3 נאכמיטאג אנ'אַקאַדעמיע, געווידמעט דער 10-טער יאָהרצייט פון ביניש מיכאַלעוויטש מיט דער בעטייליגונג פון מאַקס אַלעקסאַנדראָוויטש פון קראָקא.

דעקאָראַציע פון שטאָדט-פּרעזידענט און וויצע-פּרעזידענט מיט גאָלדענע קרייצען

סטאַראָסטאַ ראַזמאַרינאָווסקי אין דער געזעלשאַפט פון רעפערענט מאַרושינסקי זענען אָנגעקומען אין דער סטאַראָסטווע, כדי צו דעקאָרירען דעם שטאָדט פּרע-זידענט שטשאָדראָווסקי און וויצע-פּרע-זידענט דזובאַ מיט גאָלדענע פערדינסט-קרייצען.

דער דעקאָראַציע אַקט איז פאָרגעקו-מען אין דער אַנוועזענהייט פון די נאַטשעלניקעס פון די בעזונדערע מאַ-גיסטראַט אָבטיילונגען, דירעקטאָר פון דער וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע-אָבטיילונג, לייטערס פון די שטאָדטישע שפּיטאַלען און דעלעגאַציעס פון פער-באַנד פון די שטאָדטישע אָנגעשטעלטע מיט'ן פּרעזעס אינשז. יאַניצקי אין דער שפּיץ.

סטאַראָסטאַ ראַזמאַרינאָווסקי האט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט, וואס ס'איז איהם צוגעטיילט געוואָרען דער כבוד אין נאָמען פון פּרעמיער איבער-צוגעבען די פערדינסט-קרייצען.

אין 1-טען פּאָליציי - קאָמיסאַריאַט

געפינט זיך אָבצונעמען א גראַנאַט-דאַמען-פּאַלטען אין גוטען צושטאַנד, וואס איז אָבגענומען געוואָרען ביי א גנב און שטאַמט פון א גנבה.

NAJWIĘKSZY WYBÓR
RADIO - ODBIORNIKÓW
znanych marek na rok 1939
pierwszorzędnych jakości, po cenach najniższych
i na dogodnych warunkach poleca firma
UNIVERSAL-RADIO
N. TEICHNER i S-ka
N. Marji Panny 14. Tel. 17-91.

Niezrównana książka z przepisami D-ra A. Oetkera pt. „Dobra gospodyni piecze sama" jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych i księgarniach. Cena obniżona 30 groszy.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
פילי'ע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימין)
מענער = קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל=גלאַנץ צום פּרייז 10 גר.
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישרייניגען און פּאַסאַנירען קאָפּעלושן.
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק